STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06241

OYF GROYSER VELT

Samuel Burshtyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעמועל בורשטין

אויף גרויסער וועלט

ניו יאָרק, 1935

מאיעסטראָ מענש!

אין דעם בוך „אויף גרויסער וועלט" קאָנצענטריר איך מיין דיכטערישען שאַפען אין א סיסטעמאַטיש-קריסטאַליזירטע איינהייט. — דורך געזעהן אין שפּראַך, געדאַנק, אידעע, אין פּאָעטישען בעגריעף. דאָ קומען מיינע ווערק אין אויסוואַהל פון מיינע פינף ביכער פון קלענערען פאָרמאַט וואָס זענען מיט יאָהרען צוריק ערשיענען אונטער די טיטלען—„אין גאָרטען פון טרוים", „פעלזען קלאַנגען", „דער מהורם פון בלויע בענקשאַפט", „דער ספּעקטאַקעל פון די פּיראַמידען" און „אַלטע מענשען ווערען יונג". פאַלגליך אויך דיכטונגען וואָס ערשיינען צום ערש-טען מאָל נייע פון מאַנוסקריפּט.

אזוי ליבער מענש!

גוט יום טוב.

סעמועל בורשטין

Copyright 1935 by SAMUEL BURSHTYN, New York, N. Y.

Posy-Shoulson Press, 19 W. 21st St., New York, N. Y.
234



סעמועל בורשטין

אינהאַלט:

זייט

פאַרוואָרט — — — — — — — 2
בילד — — — — — — — — 3
דאָס געבורט — — — — — — 7
און קלינגט אויס — — — — — 8
שטייגט אויף — — — — — — 9
אין מאָמענט — — — — — — 10
אויף אַלע וועגן — — — — — 11
דער דיכטער — — — — — — — 12
צום שאַפענדען גייסט — — — 13
פריעדריך שאַפען — — — — — 14
ריכאַרד וואַגנער — — — — — 15
בעטהאָווען — — — — — — — 16
וואַגנער אין גן עדן — — — — 17
בעטהאָווענס וויזיאָן — — — — 20
די ניינטע סימפאָניע — — — — 23
צו דעם הימעל — — — — — — 24
מוטער פון ליעבע — — — — — 25
עלענישער פריהלינג — — — — 26
איינזאַם — — — — — — — 27
הויך העריבסט — — — — — — 28
מאָנומענט — — — — — — — 29
אָרפעאוס — — — — — — — 30
וועגוס — — — — — — — — 31
וועלט שטאָדט — — — — — — 32
ברעג פון ים — — — — — — 33
אַרכימעקטען — — — — — — 35
אַמעריקאַנער — — — — — — 36
האָמאַ פּאָעט — — — — — — 37
פרי מאָרגען — — — — — — 45
קלאַסישע נאַכט — — — — — 46
וואַלד מוזיק — — — — — — 47
דער ספינקס — — — — — — 48
נבוכדנצר'ס חלום — — — — — 49
נבוכדנצר פאַרלוירען — — — — 50
ליעבע ערקלערונג — — — — — 53

זייט

דאָס ראָמאַנטישע לאַנד — — — 54
אַפּריל — — — — — — — — 60
אויף ווידערזעהן — — — — — 61
צופרידענהייט — — — — — — 62
פּאַסטאָראַל — — — — — — — 63
זומער — — — — — — — — 64
דער קאַנאַריק — — — — — — 65
ערוואַכונג — — — — — — — 66
אויף די פליעגלען — — — — — 67
אַלעגאָרישער ראָמאַנס — — — 68
נייע וועלט — — — — — — — 69
קריזיס — — — — — — — — 70
דער זיידע — — — — — — — 71
מיט זילבערנע — — — — — — 72
מיט שיף — — — — — — — — 72
ביים קבר שאַרל באָדלערס — — 73
פיזיאָגנאָמיע שאַרל באָדלערס — 74
פיזיאָגנאָמיע אָסקאַר ווײַלד — — 75
פיזיאָגנאָמיע ניעטשע — — — — 76
צום זכרון פּרץ — — — — — — 77
די וואַנט פון אַ מוזעאום — — — 78
דאָס בילד אדם — — — — — — 78
דאָס בילד חוה — — — — — — 78
דאָס בילד שולמית — — — — — 79
דאָס בילד קעניג דוד — — — — 80
דאָס בילד קעניג שלמה — — — 80
דאָס בילד סאַפּאָקלעס — — — 80
דאָס בילד שעקספּיער — — — — 81
דאָס בילד געטהע — — — — — 81
דאָס בילד סאַפאָ — — — — — 81
דאָס בילד פּאָע — — — — — — 82
דאָס בילד וואַשינגטאָן — — — — 82
דאָס בילד נבוכדנצר — — — — 83
דאָס בילד באַקונין — — — — — 83
דאָס בילד מאַרקס — — — — — 83

זייט

דאס בילד דאנטע — — — — — 84
דאס בילד סאלאמע — — — — — 85
דאס בילד היינע — — — — — 86
דאס בילד חוה שלאנג — — — — 87
דאס בילד נינאן — — — — — 89
דאס בילד ראפאעל — — — — — 89
מיניאטורען — — — — — — 90
אונבעזארגט — — — — — — 90
איך ליעב דיך — — — — — — 90
ליעבסטע — — — — — — — 91
קאפריעזען — — — — — — 91
געסט — — — — — — — — 92
ליעבע — — — — — — — — 92
געגענזייטיג — — — — — — 92
ס'ריהרט זיך — — — — — — 93
האלט זיך — — — — — — — 93

זייט

מארש — — — — — — — — — 94
פון דער ווייט — — — — — — 94
ווידמונג — — — — — — — — 95
אלבום ווידמונג — — — — — — 95
גענום — — — — — — — — 96
אין קאבארעט — — — — — — 96
לוסט — — — — — — — — — 97
דער באהעם — — — — — — — 98
צום פריהלינג — — — — — — 99
פון אלט־יונג — — — — — — 100
מאדערנע — — — — — — — — 101
עפעל פון האפנונג — — — — — 102
ווער עס ווייסט — — — — — — 103
אדם און חוה — — — — — — — 103
צום וואויל זיין — — — — — — 105
דאס געזאנג פון א טיעפע נאכט 106

דאָס געבורט פון לירישען גייסט

לעבען, פריינדשאפט, ליעבע, גליק,
קונסט, שענהייט, מוזיק און לוסט,
לויטער מענש דיין אויגען בליק —
אויף—אַ מענש! מיט הערץ און ברוסט...

רוף אוים מיט דונער שטים — איך בענש —
גייסט געקרוינטע שעהנע וועלט,
אינדיווידום — פערזאָן — מענש —
געדאַנק און גייסט אויפגעהעלט.

ס'הערט זיך קראַך פון אַלץ וואָס שלעכט
פלאָם פאַרברענט דאָס פאַלש געזיכט, —
העלדען גייסט! פון וואַרהייט—רעכט,
פעסט איז שוין דאָס וועלט געריכט...

און קלינגט אויס דאָס וואָרט — קאָנצענטראַציאָן...

פרייהייט! בעוועגסט די לוסט צום לעבען,
דערפאַר מוז דער מענש פריי זיין —
עס קרעפטיגט זיך דעם מענשענס שטרעבען
דער גייסט ווערט לויטער — העל — ריין —

און דאָך איז נישט אַליין די פרייהייט
וואָס עס שאַפט די שעהנע וועלט,
ס'קומט נאָך פאַרנונפט, זעעלע און טרייהייט, —
קונסט, טאַלאַנט, מאָראַל וואָס שטעלט —

דעם גרויסן וועלט טהורם פון אידעאַליזם
וואָס ברענגט פרייד און לעבענס גליק, —
און איין אונבאַקאַנטער פאַנטהעאיזם
זעהט זיך גלייך ביי יעדען בליק...

שטייגט אויף דער גייסט פון אידעאַליסט

אָ מענש ! טרוים פון טרוימען — אידעאַל —
גיגאַנט — טיטאַן — ריעזיגער העלד,
שטרענג אָפּ דיין בליק אַרום איבעראַל
דורך פּערספּעקטיוו צו וועלט...

הויב אויף דיינע מעכטיגע קרעפטען
און וואַרף די זיילען פון בייז
דאָס לעבען אין ליעבע באַהעפטען
דורך וויסען — וויסענס בעווייז —

און אַ ניי וועלטליכע סטרוקטור
פון פּאַראַדיזישע פּראַכט,
אין געזאַנג פון לעבען און נאַטור
דורך אייביגקייט — טאָג און נאַכט...

אין מאָמענט ערשיינט „דער דענקער״

קאָסמאָס! איך בין איין אדם געשעפף
פסיכעאיש — אוניווערסאַל —
שטייג אויף מיין זעעלע פון פרימיטיוו
צו דעם וועלט געדאַנקען קוואַל.

כ׳טראָג די לאַסט פון טויזענטער יאָהרען
און עס איז פאַר מיר נישט שווער,
כ׳גליה מיין גייסט אין פלאַמיגען פייער
און כ׳קרעפטיג איהם אין בעגעהר.

קאָסמאָס! איך בין — איך בין — דער גיגאַנט —
וואָס בעוועלטיגט טאָג און נאַכט,
דונער — בליצען — נאַטור געוואַלטען —
אין טריאומף מיט קראַפט און מאַכט...

און עס איז מיין גייסט טעלעגראַפיש
פאַראייניגט מיט וועלט און צייט,
און כ׳טראָג אין מיינע הענד די שטראַהלען
פון דער נאָהנט און הימעל ווייט...!

אויף אַלע וועגען פון אייביגקייט

מיר בעשטרעבען ליעבע און שענהייט,
דאָס לעבען — קונסט — און דאָס גליק,
די פרייד — און די פריינדשאַפט — געדאַנקען —
אויגען פון לויטערען בליק.

ס'עדעלע הויכע אַלמענשליכע
און פּאַראַדיזישע פּראַכט,
פון וועלטליכע — וועלטליכע וואַרהייט
ס'גוטע פון טאָג און פון נאַכט.

די פרייהייט — געזונד — און דאָס וויסען —
נאַטור — די וועלט און דאָס אַל,
דעם מענשען דאָס לעבען בעשיינען
מיט ליעד, מיט בליץ, און מיט שטראַהל.

זינגען מיר צוזאַמען אַ העלדען!
דאָס ליעד פון לעבען וואָס שאַפט —
די געגענוואַרט — צוקונפט — און פריידען
מיט אַ גיגאַנטישע קראַפט...

דער דיכטער און זיין האַרץ

זינגען מיין זעעלע
וויל איך דיך הערען,
אייביג צו זינגען
זאָלסט דו מיר שווערען...

קענסט דו מיר שווערען?
האָסט דו מיין גלויבען.
קענסט דו מיך הערען?
ביסט דו דערהויבען...

דרעמעלסט מיין זעעלע
צו שלאָפסט דו שוין איין?
זאָג מיר די וואַרהייט —
פאַרלאָזט מיך אליין?

פיהלסט מיין פערלאַנגען
איך האַלט עס נישט אויס...
זאָג מיר מיט קלאַנגען
און רעד שוין אַרויס...

זאָל איך דאָס גלויבען
אַז דער שיקזאַל שמערץ —
זאָל דיך פאַרוויעגען
צום שלאָף אין מיין הערץ?

כ'וויל דאָס נישט גלויבען,
פיעל בעסער פאַרקערט —
אַ טרייסט מאַדאָנאַ!
שיינסט האָפנונגס דערקלעהרט...

אָך זינגען זעעלע
וויל איך דיך הערען,
אייביג צו זינגען —
זאָלסט דו מיר שווערען...!

צום שאפענדען גייסט

איך באשווער דיך!
דיך — דיין הערץ, דיין זעעלע — גייסט...
דיין זין, דיין איך,
מעכטיג מענש! דיין זין וואס ווייסט —
פארגעם דיין שמערץ.
לייד — געוויסען — דיכטער מענש!
העלדיש דיין הערץ...
און דיין ווערק בערוף און בענש
מיט בליץ און שטראהל, —
הייליג, געטליך, זאג דייןווארט
לויטער ווי קוואל,
און שוועב — דערגרייך אויף יעדען ארט,
מיט דונער מאכט...
וואס נישט ס'ווארט איז דער געדאנק
אין טאג און נאכט.
פון דיין נעכטען איז דיר באנג?
דער מארגען קומט...
בענקען נאך דעם צוקונפטס טאג...
איין לייב — ער ברומט,
דו האסט שפראך, נון זינג און זאג
אין שריפט, אין קלאנג,
אויף פערגאמענט, צו דורך טאן,
מוזיק, געזאנג —
אמת בעצוועקט און קומט אן
דעם מענש צום ציעל. —
אויך אין געטליך אל-בעגריעף,
א גייסט, געפיהל, —
זעעלע — ווייט — ברייט — הויך — און טיעף!...

פיזיאָגנאָמיע „פריעדריך שאָפּען"

אָוועגט צופאַל — און גרינע שטראַהלען
בליצען אין מיין וואוינונגס רוים
און מיין זעעלע זינגט און מוזיצירט
דאָס ליעד — פריהלינג — בלום — און בוים...

אין וואַלד — אויף בערג — אין טהאַל — אין גאָרטען —
הערשט אַ טיעפע לעבענס רוה —
עס הערען זיך לייכט שריט פון וויטען
זי קומט — קומט — געהילט אין בלאָה.

זי קומט מיין ליעבסטע וואונדער שעהנע —
איך ציטער פאַר פרייד און לוסט,
איך קום — איך לויף איהר שנעל אַקעגען
און נויג מיין קאָפּף אויף איהר ברוסט...

דער בלויער הימעל — לבנה — שטערען —
שיקען צו געהיימנים בליק,
מיר געהען אין טעמפעל שריט שפּאַציר
צום וואַלד, ליעבע, פרייד, און גליק...

פיזיאָנאָמיע „ריכאַרד וואַגנער"

דער טהורם ביי דעם ברעג פון ים געזעהן —
פון ווייט — אויף מיין שיף פון טרוים,
שטראַהלט ווי איין פּאַראַדיז פון וואונדער
מיט פריהלינג — בלומען — און בוים.

עס געהט מיין טרוים שיף — לאַנגזאַם — לאַנגזאַם —
און גרין און בלאָה איז דאָס מעער,
אין מיין געדאַנק בליצט אויף — וועלט אידעע
מיט בענקשאַפט לוסט און באַגעהר.

אָ וועלט! אָ וועלט פון גייסטער העלדען,
ס'הערט זיך אָ וועלט הימן פון ווייט,
אין איבערמענשליך וואונדער טענער —
נייע צוקונפט — נייע צייט...

איך שיק מיין בליק צום וויטען הימעל
און בעוועג מיין שיף זעהר שנעל,
אין מיין שעהנע היים ווער איך ערוואַרט
מיט פאַקלען וואָס לייכטען העל...

און פון וויטענם מיין טרוים-געליעבטע
שטעהט ווי אָ סטאַטוע פאַרבענקט,
כ'קום צו — קוש איהר געזיכט און שטערען —
אַך — כ'האָב פון דיר פיעל געדענקט...

פיזיאָגנאָמיע „בעטהאָווען"

אַ צוקונפֿטס וועלט — און לעבענס אידעאַל!
איך שטרעבנג מיין גייסט הימעל ווייט
מיט וועלטען גייסטער זיך פֿאַראייניגט
נאָך די גרויסע — גרויסע צייט.

און ווי אַ הערליכע סימפאָניע
קלינגט אויס דאָס לעבען די וועלט,
און אינדיווידום, דענקער, דיכטער,
אַלע ביינאַנד פֿעסט געשטעלט —

בעשטרעבענדיג דאָס מענשליכע
אין געניאַלע דענקער מאַכט,
און ס'שטראַהלט אויף דאָס לעבען וואונדערליך
פֿון ליעבע, גליק, טאָג און נאַכט...

און עס קלינגען ליעדער יום טוב'דיג
מיט מוזיק — מיט מוזיק ביינאַנד,
ס'גרוסען זיך מענשען מיט שטורם ליעבע
צום לירישען וועלט פֿערבאַנד.

און ס'שטייגען ריעזען און טיטאַנען
גייסטער — דענקער — אָן אַ צאָהל —
העלדען מענער — און העלדען פֿרויען —
און בעגינען מיט איין מאָל —

די גרויסע הימנע פֿון דעם קאָסמאָס
נאָהנט און ווייט אויף יעדען אָרט
עס זינגען אַלע מענשען וועלטען —
דעם טריאומף — דאָס גרויסע וואָרט...

ריכאַרד וואַגנער אין גן עדן

(פאַנטאַסטישע הימנע)

א טיעפע שטילקייט רוהט אַרום
פאַר דעם גרויסען גן עדן פּאַלאַסט,
ס'ליכט איז לויטער בלאָה אין הימעל
און דער גן עדן — גרין אין קאָנטראַסט.

מלאכים אין א שטיל געווימעל
שוועבען צייטענווייז מיט סיגנאַלען —
צו דעם שעהנעם פּאַראַדיז
בעשיינט פון בלאַסע צאַרטע שטראַהלען.

א זילבער קריסטאַל קלאָהר טייכעל
מורמעלט און שלענגעלט זיך דערנעבען,
שפּיעגלענדיג אין זיך דעם הימעל
מיט די מלאכים וואָס דורכשוועבען.

גרין געדיכטע ריעזען בוימער
אַרום אַהין און צוריק שפּאַצירען —
גלייכע רייהען אין איין ריכטונג
ביי די גרויסע גאָלד'נע טהירען.

און עס קומען פון א ווייטקייט
טענער פון הארף און פליוט צו שוועבען,
מיט די שעהנסטע זינגער פייגעל
פאַראייניגט אין א גלייך בעלעבען.

ס'קומט אַ וויאָלין־טשעל פון ווייטען
מעכטיג ווי אַ געוואַלד פון דונער,
מיט אַ ים בערוף'ס מאָטיוועז
הער אויף — הער אויף — אַ וועלט געוויינער...

ס'פאַנגט דער פּאַראַדיז אין גאַנצען
בעוועגען זיך אין גרויס ציטערונג,
אין אַ שטאַרקע דיסהאַרמאָניע
פון מוזיקאַלישע געוויטערונג...

דאָ שפּרינגט אַ שעהנע ריעז געשטאַלט
פאַרביי מיט שטורם און אַ געטימעל,
מיט גאָר אַ גרויסען פּאָהן־טריאומף
פון טרוים וויזיאָנען אין דעם הימעל...

מיט בליץ שפּאַלט זיך גלייך דער הימעל
און רעכטס און לינקס פוןביידע זייטען,
קומען יונג פרויען און מענער
אויף ווייסע פליעגעל פערד צו רייטען...

העלדען מענער — העלדען פרויען —
אין רייהען פלעכטען זיך צוזאַמען,
עס שאַלט אין לופט דאָס אַלגעזאַנג —
מיט צוואָנציג טויזענט האַרפען גראַמען...

דאָ קומט אַ יונג פרוי צו שוועבען
אויף אַ וואָלקען ווי ווייסער זילבער —
פריידיג ענטציקט מיט געלעכטער
און טאַנצט גלייך די „פרייד" אין געפילדער.

זי דערכאַפּט דעם זילבער וואָלקען
בעשאַפט אַ ספינקס גלייך אין בעוועגען,
עס ווערט דער ספינקס באַלד לעבעדיג
און פאַנגט זיין ערשטען רעטזעל פרעגען...

דאָ קומט אַ יונג פרוי פון וויטענס —
מיט אַ גאָלד'נעם עמער צו פליהען,
מיט זיסען געטער־וויין געפילט
פון אייביג אונשטערבליכען בליהען.

אַ שטורם — גערויש — אַ געטימעל —
אַ קלינגען מיט טראָמפּייטען שאַלען,
עס ווערט די בלויע ליכטיגקייט
דורכשטראַהלט פון זונען העלע שטראַהלען.

אין גרויסען גן עדן פּאַלאַסט
עפענט זיך ס'טויער פון אַלע זייטען,
דאָ קומט עס אָן „ריכאַרד וואַגנער"
אויף פייער פליגעל פערד צו רייטען.

בעטהאָווענס וויזיאָן

(נאָך איין בילד פון באַלעסטער)

אין אַ געהיימען ווייס מאַרמור פּאַלאַסט
אויף אַ באַרג צום הימעל די ווייט,
שלאָפט זיך בעטהאָווען — דער גרויסער בעטהאָווען
שוין אַ לאַנגע — לאַנגע צייט.

שלאָפט זיך געלעהנט זיין קאָפּף אויף אַ טישעל
אַרום איהם די שכינה שיינט העל,
ס׳קרוינען זיין קאָפּף אַ מלאכים אָרקעסטער
פון ווייטענס ליגט זיין וויאָלין־טשעל.

און עס שלאָפט זיך בעטהאָווען זיס און געשמאַק
פון געטליכע טרוימען בעגליקט,
אַ ווייטעס געזאַנג וואָס הערט זיך פון הימעל
טרוימט איהם דאָך שלאָפענדיג ענטציקט...

און אויפכאַפּען פון שלאָף וויל זיך בעטהאָווען
ווירקליך זיינע טרוימען דערזעהן,
אַ שעהנע טרוימען, הימלישע געזאַנגען,
ווי הערליך איהר זייט... און ווי שעהן...

שוער איז בעטהאָוועןפון שלאָף זיך דערהייבען
די טרוימען — זיי האַלטען איהם צו...
און ער שיקט צו גאָט אַ הייליגע תפילה
איהם העלפען — זאָל ער געבען זיך מיה...

און גאָט האָט די תפילה פון צדיק דערהערט
און גלייך די מלאכים ענטדעקט,
אַז דערהויבען פון שלאָף וויל זיך דער גאון
און שוין מוז ער וועריען דערוועקט...

און דערהערט האָט'ס גלייך דער קאַפּעלע מייסטער
און הויבט שנעל אַלס צייכען זיין האַנד
אַז שוין מוז מען העלפען דעם גאון דערוועקען
שנעל — שטימט אייך איין אַלע ביי-נאַנד...

נאָך אַ מאָהל אַ צייכען — ווידער אַ צייכען —
עס איז שוין דער דריטער סיגנאַל,
און גלייך פאַנגען אָן די טענער צו ווימלען
שעהנסטע אַקאָרדען — וואָס שפּרעכען צו אַל.

וועלטען מאָטיוועןפון שיקזאַל — שמערץ — ליעבע —
ס'האָט איהם גלייך דערוועקט אויפ'ן שטעל,
און בעגייסטערט פון שלאָף זיך דערהויבענדיג
כאַפּט ער אין האַנד זיין וויאָלין-טשעל...

און גיבט זיך ציטיג א ריהר אָן זיין שטערען
דעם זכרון דערפרישען אויפס'ניי —
אַז ריכטיג און אַלעס זאָל מען איהם הערען
וואָס שלאָפענדיג איז איהם פאַרביי.

ווייל דאָס זענען קיין חלומות געוועזען
נור געטליכע שטימען געוועבט,
צו איהם האָבען די אונענדליכע וועלטען
אין הערליכען פאַלאַסט דערשטרעבט.

און נישט זיך פאַרזוימען וויל דאָך בעטהאָווען
און שנעלער די סטרונעס שטימט אָן,
אַז די טענער זאָלען הייליג זיך הערען
חלילה נישט פעלשען קיין טאָן.

עס ווימלען צוזאַמען טענער האַרמאָניש
אין אַ הייליג געטליכען כאָר,
ס'שטייגען געשטאַלטען פאַנטאַסטיש מיט האַרפען
ווי טיעפע סימבאָלען אַ פאָר...

ס'שוועבען די טענער אין לויטער געטליכקייט
און איינט צוזאַמען איין און אַל —
ס'דערקענט זיך פראָפהעטיש „ס'זעעליגע אינזעל"
פון נייעם גליק און לעבענס קוואַל...!

די ניינטע סימפאָניע פון בעטהאָווען

איך הער דיך אַ בעטהאָווען! דערקלינגען —
אין דיין ניינטע סימפהאָניע — ווי דורך וואָרט...
דער טראַגיזם איז דאָרטען פאַרלוירען
און דאָס לעבען טריאומפירט אויף דעם אָרט.

אַ נייע צוקונפט, אַ נייער הימעל,
און עס רוהט אַ הייליגטום דורך די לופט,
ס'איז טיעפע שטילקייט — דאָך גרייפט געטימעל —
און די גאָטהייט רופט, און דאָס לעבען רופט...

און די פריידיגקייט — אין הימליש שטייגען —
נישט קיינער זינגט אַזאַ געזאַנג צו גלייך,
עס שיינט מיר אַ בילד אין טרוימען-אייגען,
גלייך אַרגאָלד בעקלינס „דאָס זעעלישע רייך".

דער פריהלינג טאַנצט אין אַ שפּיעגעל לאַזור
ס'שיינט — זינגסט מיט, דאָך ביסט זעלבסט ענטציקט און שטום...
עס לעבט אויף די הערליכע נאַטור,
העלענישע פריילינקייט הערשט אַרום.

און דער „וועלט שמערץ" איז דאָך טיעף געזינקען
ס'איז נישט דאָ קיין זאָרג און ערדישעם לייד,
און דער געוויסען אויך נישט פאַרטרינקען
צו דערהויבען העכער די גרויסע צייט...

און אונטער ערדיש — ווי פון ווייטען
קומט אויף דאָס פרייד מאָטיוו ליכטיג און העל,
אַזוי ווי בעפרייט פון זילבער קייטען
זענען די ערשטע שריט פון וויאָלין-טשעל!...

צו דעם הימעל פון געדאַנק

דער גרויסער דענקער אויף זיין אָרט
זאָרגט און קלעהרט און דענקט און טראַכט
פאַר ליעבע גליק פון וועלט און לאַנד
און פאַר געזונד, קראַפט און מאַכט.

און ווי די זון מיט ליכט און שטראַהל
באַשיינט דעם וואַלד טהאָל און פעלד, —
ליכטיגסט דו אויך אַ דענקער מענש!
אויף דעם ים — און לאַנד — אין וועלט...

אַ וועלט און לאַנד פון דאַ און דאָרט
בליקסט אוים זהערליך אין דיין פראַכט, —
געהילט אַזוי וואונדערליך שעהן
ווי דאַס גליק פון טיעפע נאַכט.

דער גרויסער דענקער אויף זיין אָרט
זאָרגט און קלעהרט און דענקט און טראַכט,
פאַר ליעבע גליק פון וועלט און לאַנד
און פאַר געזונד קראַפט און מאַכט.

„די מוטער פון ליעבע”

(סאָנעט)

דיינע אויגען זענען טיעף ווי אונענדליכקייט
געשפּיגעלט אין די אַלוועלט אַזוי פאַרדענקט —
אין דיינע געהיימע וועלטען גאָר פאַרבאָרגען,
און אויך דיינע אויגען אַזוי טיעף פאַרבענקט...

און איך בעגרייף דיין זעעלע וואָס מיר סוד געהילט —
דורך די שפּראַך פון בענקשאַפט אין זיך זעלבסט פאַרלירט,
גלייך ווי די סטרונעס פון די גאָלדענע האַרפע
וואָס ווערען נישט ווילענדיג קינדיש באַריהרט...

פאַלמען צווייגען קושען דיין ווייך זיידען געוואַנד
וואָס פאַרדעקט דיין הערץ און דיין געפּערעל ברוסט,
דיין צאַרט עדעלע ברוסט און ווייסע מאַרמור האַנד.

און דיינע בליקען גאָר טיעף אין די ווייט פאַרבענקט,
צו די ווייטע לענדער פון פרייד, גליק און לוסט,
דיינע טרעהרען-אויגען אַזוי שמערצליך געשטרענגט...

עלעגישער פריהלינג

ס׳ברומט דער ווינד אין טיעפען טרויער
און אַ שוידער באַוועגט דעם שטאַם פון בוים ;
עס שרעקען זיך די יונגע צווייגען,
זיך לייכט באַריהרענדיג צי זוים מיט זוים.

אַ ווילסט דעם שטילען שמערץ פאַרזאָגען ?
אוים דיין הימעל-געזיכט פון גרויען לייד,
ערד געבויגען זענען די בלומען
און שלאַנקען-ארטיג זיך פון — צייט צו צייט.

עס שאָקלען זיך אַרום די גראָזען
און פיעל געשניטען איז שוין דאָ און דאָרט,
דיין פריהלינגס הערץ אָ יונגע שענהייט !
איז גלייך געזאָגט אין נישט געזאָגטען וואָרט.

זעלבסט נור דיר קענסט דיין שמערץ פאַרטרויען
און איינזאַם — אין רוה — אין דיין גאָרטען בלויז,
ס׳איז פאַר דיר טרייסט די שעהנסטע בליהונג
אינטימט פון אַ בוך בעגליקט פון די רויז...

איינזאַם — זי איז אַליין...

טיעף געבויגען, אין שווארץ געהילט
שטייט זי אין טרויער מיט שטום געוויין,
אויגען שטאַר — טרערען פאַרגליהט —
זי זעהט נישט קיינעם... זי איז אַליין...

ס׳צאַנקען ליכט אין איהר סאַלאָן
און ס׳פינסטערט ארום אַ שאָטען טאַנץ,
און צי גלייך מיט איהר טאָג־בוך
זעהט זיך צוזאַמען אַ בלומען קראַנץ.

זי שלוכצט גלייך ווי ס׳ליכט געצאַנק
דעם קאָפּ געבויגען מיט טיעף געוויין,
זי הערט נישט מעהר... זי איז שטום...
זי זעהט נישט קיינעם... זי איז אַליין...

הויך הערבסט

ס׳איז שטיל אַרום און ס׳שלאָגט איין עדלער רעגען
און גרוי האַלב ליכטיג איז דער טאָג אין טרויער,
עס רוישען שטיל די יונג באַוועגטע בוימער
און עס שיינט צו ווערען נאָך טונקלער — גרויער...

ס׳שטייט דער וואַלד ווי אַ וואַנד פון בלויען מאַרמור,
פאַרהילט פון זילבער נעבעלדיגען וואוואַל,
אַ געהיימנים וואַלד! הייליגער טעמפעל!
אַ הערליכסטע בליהונג פון „לאַ טער ראַיאַל"...

עס פאַלען רוישיג די פאַרוועלקטע בלעטער
מישען און ווירבלען זיך אין אַ ווירוואואַר,
ענטהילט בלייבט דער בוים — דאָך נאָך שטאָלץ און זיכער,
גאָר פעסט און שטאַר ווי דער גאָלף פון מיראַמאַר!...

מאָנומענט

אַ טיעפע שטילקייט הערשט אַרום
און געהילט איז אַלעס אין גרויסען טרויער,
דאָ און דאָרטען שרעקענס גייסטער —
און פיעל רואינען פון הויז און מויער...

עס שטייט אַ גרויסער מענש סקעלעט
מיט צווייפעל בליקען און ווילדע אויגען,
איהם צו פוס ליגט שווערד און פאַנצער
און ער שטייט אַזוי דעם קאָפּף געבויגען...

ס׳פליהען שוואַרצע ווילדע פייגעל
און רינגלען איהם אַרום מיט ווילד געשריי —
עס הערט זיך אַ ווייטער עכאָ
ס׳איז שוין פאַרביי — פאַרביי — ס׳איז שוין פאַרביי!...

אָרפּעאום

ס׳קומט אַ געזאַנג פון געטליכע וועלטען
צו שוועבען פון ווייט ווי אַ זעעליש ענטהילען,
הימלישע פעלדער, הימלישע גערטנער,
ס׳אַקאָרדירט די האַרף אידעאַלסטע געפיהלען...

אַ אָרפע! אַ אָרפע! דו גרונדסט אין טרויער —
ס׳קלינגט דיין געזאַנג שוין ווי די פעלזענע קוועלען,
טרויערסט אין ליעבעם מעכטיגסטע בענקשאַפט —
ס׳שרעקט זיך דיין טרוים-גליק אויף קריסטאַלענע וועלען...

זיכער וועט ערשיינען דיין הימלישע
פון דיין מעכטיגע בענקשאַפט און ליעבע בעוואוסט,
און וועט דיך פאַר דיין געטליכע האַרפע
געפינען און נויגען צו איהר עדעלער ברוסט...

ווענוס

אין שעהנעם בליץ פון מאָרגען שטראַהלען
זעה איך אין שפיעגעל מיין בילד,
די בלאַנקע זיידען לאָקען פאַלען
אויף מיין שלאַנקען אָקסעל ווילד.

די צווילינג ברוסטען ווי צוויי אויגען
אין אַ וואונדערליכען בליק,
פון עדעל מוזיק באַוועגט צו זויגען
צערטליכקייט און ליעבעס גליק . . .

עס הויבען זיך אין אַ בעוועגונג
מיינע צאַרטע שעהנע הענד,
עראָטיש ציטערדיג אין רעגונג
פאַל איך מיעד אין די פיר וועגד . . .

אין מיין ווענוס אָרט פון באַגערען
איז ליידענשאַפט שוין פיעל פאַרברענט,
דער בליק פון די נאַכטיגע שטערען
האָט אויך שמערץ אין מיר דערקענט . . . !

וועלט שטאָדט

דער טאָג איז העל פון בלאַנקע שטראַהלען
ס'שפּאַצירען מענשען פון אָרט צו אָרט,
די לופט איז ריין און לויטער פּערפום —
און קלאַוויר טענער פון דאָ און דאָרט...

דאָס גרויסע טויר מיט מאַרמור זיילען
ערהויבט זיך ריעזיג געוואַלטיג שווער,
אַ דריי געשפּאַנטער לייבען וואָגען
טהראָנט געהויכט צו דעם בלויען מעער...

אַרום די ערד איז גרין און לענדליך
און אויסגעפלאַסטערט פון ווייסען שטיין,
דאָס גרויס-טעאַטער שטייט פון ווייטען
מייעסטעטיש הויך פאַר זיך אַליין.

די בוימער שטייגען אין שלאַנקע הויכקייט
גיגאַנטיש פעסט אָן אַ קלענסטען ריהר,
שטאַרק געקרעפטיגט און לוסט בעוועלטיגט,
יום טוב'ט אַלעס דאָס שענסטע רעוויר...

ביי דעם ברעג פון ים

ביי דעם ברעג פון ים שטייט דאָס זילבער ווייסע שיפעל
און ווארפט אַ שיין טיעף אין דעם קריסטאַל קלאָהרען ים, —
עס איז פאַרנאַכט!
די גרין געדיכטע בוימער שטעהען רוהיג אין טיעפע שטילקייט
און ווארפען אַ קיהלען שאָטען אַרום דעם ברעג פון ים...
דער הימעל איז בלוילִיך ריין דורך געוועבט מיט גינגאָלדם
שטראהלען —
פון זונען אונטערגאַנג...
ווארפענדיג אַ בלאַסען שיין דורך די גרינע בוימער אין דעם
טיעפען ים...
און די כוואַליעס הויבען זיך צו כוואַליעס —
טאַנצענדיג דעם מילדען טאַנץ...

* * *

אין דעם ווייסען זילבער שיפעל וואַרט איך שוין לאַנג
געהילט אין מיין בלויען סאַמעט מאַנטעל מיט אַן אידיליען-בוך
אין האַנד,
עס איז מיר באַנג — עס איז מיר באַנג — אַ בענקשאַפט!
און מיין בענקשאַפט האָט מיין ליעבסטע שעהנע מיט
געפיהלט —
און איז געקומען,
געהילט אין אַ ווייסען זיידענעם מאַנטעל —
און אויף איהר שעהנעם קאָפּ אַ צאַרט ווייסער בלומען קראַנץ,
און האָט אַריין געשטייגט צו מיר אין ווייסען זילבער שיפעל —
צי מיר אין ווייסען זילבער שיפעל...
אַ געה מיר שיפעל — געה און געה —
די כוואַליעס נויגען זיך, עס שיינט מיר ווי זיי וואָלטען מורמלען
כבוד — כבוד — כבוד —
לייכט טראָגט זיך פון ברעג דאָס שיפעל אַוועק
ווייט — העט — ווייט — העט — ווייט...!

* * *

מיין געליעבטע דערלאַנגט מיר איהר ווייס צאַרטע האַנד —
בליקענדיג טיעף אין מיינע אויגען,
וואונשענדיג אַז אויך איך זאָל בליקען טיעף אין איהרע אויגען...
און קושענדיג איהר קאָפּ און שטערען ערפיל איך איהר וואונש.
— און לייכט שווימט דאָס שיפעל איבער דעם גרויסען קלאָהרען ים
גלייך ווי אַ מלאך שוועבענדיג צום הימעלס אוניווערז
טראָגענדיג אַן ענטפער...
און עס זעהט אויס ווי די לעצטע גינגאָלדס-שטראַהלען פון זונען אונטערגאַנג —
זענען אין פראַגע צייכענס ? — ? — ענטציקט ? ענטציקט ?
— די לבנה בליקט טרוימעריש און שיקט אַ צאַרטען שטראַהל אַראָפּ
צום שיפעל גלייך אַהער צו...

* * *

און דונקלער ווערט וואָס ווייטער —
דאָס שיפעל איז בעגלייט פון לבנה-שטערען,
פון אייביג טרייע פריינד —
מיט זיכערהייט האָפנונג און טרייסט,
די שטערען בליצען —
פרעגען פינקלענדיג,
ענטציקט ? ענטציקט ?
און די כוואַליעס רוישען
ענטפערען מורמלענדיג
ענטציקט... ענטציקט...!

די אַרכיטעקטען פון נויאָרק

אַ וועלט שטאָדט שטייגט אין מעכטיגע בעגריפען —
פון הערצאיש מענשליכען טאַלאַנט,
אין קרעפטיגע פונדאַמענטאַלע טיעפען
און פון קאָלאָסאַלען הויכען שטאַנד.

איז שוין מיט וואונדער אונזער בליק בעגייסטערט
פאַר דעם הימעלדיגען טהורם-געשטאַלט,
וואָס די קונסטלער האָבען אַזוי בעמייסטערט
ווי הויכע לאַנדשאַפטען פון געבירגס לאַנד...

בענקט זיך אויך נאָך סאָציאַלע אַרכיטעקטען
ראָמאַניסטען — דענקער — דראַמאַטורג —
וויסענשאַפטלער — סאָציאָלאָג — דיכטער פּערפעקטען —
פאַר דעם צענטראַלען פונקט שטאָדט נויאָרק...

ווי די קולטור זאָל זיך מאַניפעסטירען
מיט וויסען — קליענשאַפט, מיט קונסט און גייסט,
און ווי אַזוי מיר זאָלען רעאַגירען
אויף דעם און יענעם וואָס איז פאַרגרייזט...!

די A-מעריקאַנער און די R-אַפּעער

געשיכטען — עפּאָכען — עפּיזאָדען — צייטען —
ס'האָבן פיעלע יאָהרען פאַרביי מאַרשירט,
איבער דאָס אַלטע אימער יונגע אייראָפּאַ —
וואָס מיט פרייע ווירקונג די וועלט רעגירט...

שיינט דאָן מיט יום טוב און מענשליכע רוהיגקייט
אייראָפּאַס קלאַסישע פיזאָנאָמיע,
עס פעהלט נאָך פיעל צו דעם גרוים בעגריעף פון לעבען
דאָך סאָלידע נאָרמע האָט העגאָמאָניע...

די שעהן טעמפּעל־אַרטיגע קאַפע פּאַלאַצען
ראַפּענירטע קונסט — גרויסע עלעגאַנץ,
אויסערליכע פּרעכטיגע גאָרטען טעראַסען
די שטימונג מוזיקאַליש ווי צום טאַנץ.

קומען זיך די מענשען טעגליך אָפּט צוזאַמען
מיט קולטור כאַראַקטער און סאָציאַליזם,
און פיהלען זיך נישט אַזוי בעהערשט — בעוועלטיגט —
ווי מאַרטירער פון דעם מאַטעריאַליזם...

כ'זאָל נאָך זאָגען — איבער אונז אַמעריקאַנער ?
עס איז נישט כדי אויפ'ן וואָג דער באַלאַסט,
און כ'זאָג — ודאי לו לחכימא ברמיזא —
און מיר שטעלען זיך שוין פאָר דעם קאָנטראַסט...!

HOMO POET

עס איז פרעמד דער רויש אין דעם אָרט
ס'דערגרייכט דאָ נישט דער שטאָדט געטימעל,
איינזאַם שוועבט דאָ דאָס דיכטער וואָרט
אין טיעפע שטילקייט אויף צום הימעל...

עס שטעהט דער שלאָס אין טיעפע פראַכט —
נישט ווייט ביי „ריוויערא פון לעוואַנט"
אין אַ געהיימנים ווי די נאַכט —
אָריענטאַליש שעהן ווי אַ ברילאַנט...

עס וויים נישט קיינער ווער דאָ וואוינט?
פיליכט דער ווינד וואָס ברומט און וואָיעט,
עס איז דער ווינד דאָך נישט באַלוינט
צו זאָגען — ס'וואוינט דאָ „האָמאָ פאָעט"...!

די פענסטער בליקען קעגען ים
זיי קענען לאַנג שוין דעם האָריזאָנט,
די זון שיינט אויף פרעגט נישט דעם שטאָם
און אויך נישט גאָר ווער דאָס שלאָס בעוואוינט?

די גאַרדינען פון ווייסען זייד
שאָקלען זיך לאַנגזאַם פון די ווינדען,
די נאַכט איז שוין אין ווייטע צייט
דאָס ס'ליכט איז נאָך נישט אָנגעצינדען.

פון צייט צו צייט הערט זיך זיין שריט
אין גאַרטען „גליקס-טהורם" ווי פאַרבאָרגען —
און טרוים שפאַצירט מיט לייכטע טריט
יעדען אָוונט און יעדען מאָרגען...

און ווען די נאַכט איז שפּעט אין צייט
פון לבנה שיין און העלסטע שטערען,
בליקט ער אוים אין די ווייטסטע ווייט
עם ווייס נישט קיינער זיין בעגערען.

בלאַס און צאַרט פון לבנה בעשיינט
און ווי צוויי שטערען זיינע אויגען,
בליקען טרויריג אין שמערץ פאַראיינט
געלעהנט זיין קאָפּף און אויסגעצויגען —

אויף זיידען קושען נור וואָס געשפּאַרט,
פאַרגעסט די שטונדען זיך צו פרעגען?
זיין האַנד באַריהרט זיין קאָפּף גאָר צאַרט
און זיין געזיכט איז אָן באַוועגען.

אַ טראַגיש איז זיין איינזאַם זיין
דאָס קען געווים קיין צווייפעל געבען,
דאָך דאָ צו זיין אזוי אליין?
איז ער שוין שטאַרקער פון דעם לעבען...

איין פריינד האָט ער דאָך ווי מיר שיינט
און דאָס איז זיין וואונדערליך קלאַוויר,
מיט וועמען ער איז שוין טיעף פאַראיינט
צוואַנציג יאָהרען ווי באַוואוסט איז מיר.

איך ווייס נישט ווי גרוים ס'איז די צייט
ווען ער רוהט ווי איין מענש פון הימעל,
ביי זיין קלאַוויר, וואָס הערט זיך ווייט —
ווייט אָרום אין געטליך געווימעל...!

2

„האַמאַ פּאָעט"! איז לאַנג מיין פריינד
אַ צייט, אַ צייט, פון דרייסיג יאָהרען,
דאָך אייך באַקענען וויל איך היינט
מיין פריינד וואָס כ׳קען שוין דרייסיג יאָהרען.

איך בין מיט איהם געווען ביינאַנד
אין ס׳וואונדער לאַנד פון שעהנע טרוימען,
ס׳איז וויט און ברייט באַוואוסט דאָס לאַנד
נישט יונג צו זיין דאָרט מיינט פאַרזוימען...

איך מיין דאָס לאַנד ביי׳ם מיטעל מעער
די הערליכסטע פּראַכט פון אייראָפּאַ,
און ווער פון אונז האָט נישט ס׳באַגעהר
צו די וואונדער שענהייט פון אייראָפּאַ?...!

מיר זענען דאַמאָלסט נאָך געווען —
יונג — אין דעם אָנפאַנגס וועלט בעגרייפען,
אונזער „יוגענד הימעל" גאָר שעהן
פיעל מיט טעמפּאָ און פורפור שטרייפען...

אונזער ערשטעס אָרט איז גענף געווען
און פונקט צום ערשטען מעריץ געקומען,
צו מעריץ איז גוט נאָך גענף צו געהן
דאָרט פאַנגט שוין דאַמאָלסט אָן צו ברומען —

די גרויסע הימן פון פריהלינגס ליעד
ווי אין כאָר פון צוועלף טויזענד שטימען,
אַ נייעס לעבען וואַקסט און בליהט
און באַלד ווערט אַלעס פיעל אין בלומען...

שפּאַצירטביים ברעג פון דעם „לעמאַן”
אין אַ שעהנעם אָוועגט אין אַפּריל,
איין שיף גייט אָפּ — איין שיף קומט אָן —
צו גלייך ווי דער טאַנץ אין אַ קאַדריל. —

זאָגט צו מיר מיין פריינד — הער מיך אוים!
דאָס וואָס כ׳וויל דיר יעצט באַגעבען,
איז קיין סוד — דאָך צום פאַרשטיין בלוים —
די צוויי מאָטיוועו פון מיין לעבען.

ס׳געפיהל וואָס כ׳קען נאָך נישט פאַרשטיין
אין די גאָטהייט פון נאַטור׳ס וועלדער,
ווען כ׳פלעג שפּאַצירען גאַר אַליין
אין די בערג, טהאָל — און גרינע פעלדער.

צום הימעל איז געווען מיין בליק —
אַ ווייט און טיעף צו אַלע הימלען,
כ׳בין געוואָרען באַזעלט מיט גליק
דערהערענדיג די גאָטהייט ווימלען —

דאָס ליעד פון הערליכסטען געזאַנג,
באַרופען בין איך דאָס געוועזען
ווי פון הערליכען האַרפען קלאַנג —
דאָס בוך פון לעבען מיר צו לעזען...

איך מיש מיר אויף דאָס ערשטע בלאַט
כ׳לעז — די זון וועט מיר אייביג שטראַהלען,
ס׳צווייטע לעז איך געלויפיג גלאַט
נור באַשיץ דיך מענש! נישט צו פאַלען...!

3

העלער טאָג היינט — דער הימעל בלוי
מייעסטעטיש רוהט שטאָדט זשענעווע,
מיין ליעבער פריינד און איך נאָך דאָ
אין שעהנעם פראַכט פון שטאָדט זשענעווע.

ביי איין עדעל־מענש איז באַל היינט
דער גרויסער באַל פון דעם ענד אַפּריל,
כ׳בין אויך פאַרבעטען מיט מיין פריינד —
און ס׳פעהלט קיין דאַמע און מאַדמאַזעל.

אין די ווילאַ ביי דעם לעמאַן,
באַרופען „ווילאַ עליזעאַום"
גלאַנצט שוין די פרייד ביי פרוי און מאַן
געשפּאַנט ווי אין אַ קאָלאָסעאום.

ס׳קומען לוקסוס וועגען פון לאַנד
געצוימט צו דריי־זעקס פערד ווי מאַרמור,
ס׳גרוסען זיך די פריינד האַנד צו האַנד
וויים און בלוי געהילט און אויך פּורפּור.

האַלב בלוי באַלויכטען איז דער זאַל
ס׳דופטען סימפּאַניש די פּערפומען,
און פרייד בעזעעלט איז איין און אַל
מיין פריינד און איך נור וואָס — געקומען.

דער באַל פּראָלאָג איז אין אָנפאַנג —
מיט מענדעלסאָנ׳ס אַ סאָלאָ וויאָלין,
און וויי‍טער קומט דער האַרפען קלאַנג
פון אַ שעהנע פרוי אויס ענגאַנדין.

און דאָס קלאַוויאַטור קומט צום דריט
שפּיעלט בעטהאָווען און אויך שאָפּענען,
עס הערען זיך שוין לייכטע שריט
די פּאַלאַנעזען צו דערקענען...

עס רוהט מיין פריינד געלעהנט אין שטוהל
אוים אַ גרינעם זייד און גאָלד קאָליר,
פאַרטיעפט אין דענקען און געפיהל
אונגעפער דרייצען שריט פון קלאַוויר.

ער האָט דאָ פיעל באַקאַנטע פריינד
גרויסע מענער — און גרויסע דאַמען,
ער איז אין טאַנץ דאָך נישט פאַראיינט
דער טאַנץ באַרופט שוין אַל צוזאַמען.

ס'באַוועגט איהם דאָך צום וואַלץ צו גיין
אַ יונגע דאַמע פון ווייטען לאַנר,
דעם וואַלצער קען ער גוט פאַרשטיין
און ער גייט מיט איהר דעם טאַנץ באַנאַנד.

מיט די דאַמע נור וואָס באַקאַנט
דורך אַ געשפּרעך איבער שאָפּענען,
און עטוואָס אויך איבער זשאָרזש זאַנד
דאָס איז געוועזן זייער באַקענען...

די יונגע שענהייט שטראַהלט ווי ליכט
און איז שלאַנק און הויך ווי אַ „מענש-טהורם" —
פּיזיאָנאָמיש פרעכטיג איהר געזיכט
נעמט דעם מאַן מיט זיעגרישען-שטורם...!

4

געליעבט האָט שוין אַמאָל מיין פריינד —
מיט זעעלען ליעבע געטליך בעגריעף,
די אייביגקייט אין זיך פאַראיינט
רעלאַטיוו פאַנטאַסטיש אין רעליעף...

זיין ליעבסטע איז עס נישט באַוואוסט —
און ווייסט דאָס נישט ביז לעצטע צייטען,
און האָט זיך אויך נישט ווען באַגריסט
געליעבט פאַרבאָרגען פרעמד פון ווייטען...

געוועזן איז דאָס מיט דריי יאָהר צוריק
אין די שטאָדט ל... ווי ר׳איז געבוירען,
פיליכט איז דאָרט געוועזן זיין גליק —
זיין שיקזאַל האָט איהם דאָך פאַרלוירען.

צום שטאָדט גאָרטען — פאַרטאָגס — פאַרנאַכט —
דורך די אַלעע פאַרביי שפּאַצירט,
און זעהר פאַרטרוימט, און טיעף פאַרטראַכט,
אַזוי האָט מיין פריינד פאַרביי מאַרשירט.

אין דער מיט אַלעע — ס׳שעהנסטע הויז —
פון צוויי עטאַזשען און באַלקאָנען,
אַ דאָ פאַרבליקט מיין פריינד זיך בלויס
קיין מענש באַוואוסט און קיין דעמאָנען.

ס׳שפּילט דאָס קלאַוויר אין שעהנע פּראַכט
אַקאָרדען פון געטליכסטע מוזיק,
עס הערט זיך אָפט ביז שפּעט אין נאַכט —
די מוזיק פון ליעבע און פון גליק...

דער „האָמאָ פּאָעט" געהט שוין צוריק —
פון דעם גאָרטען מיט זומער פריידען,
און וואַרפט זיין טיפען טרוימען בליק
אויף דעם באַלקאָן — נור זעהר בעשיידען...

באַמיהט זיך זעהר און שטאַרק געשטרענגט —
די טאָן מאָטיוועןצו פאַרשטיין,
ער איז געווים זיך טיף פאַרבענקט
זיין עדעל ליעבסטע מוז דאָרט זיין...

זי קומט פון צייט צו צייט אַרויס —
אויף דעם באַלקאָן אויף צוויי—דריי שטונדען,
און טראָגט אין האַנד אַ רויטע רויז
מיט אַ לוקסוס בוך, שעהן געבונדען...!

אָ! פרעכטיג איז איהר אויגען בליק,
וועלט געהיימנים פון פיזיאָנאָמיע,
ס'רוהט אין איהר אַ העכערעם גליק —
ס'גליק פון די געטליכסטע האַרמאָניע...

ער קומט אַהיים צו זיך צו־גיין
פאַלט אין זיין לעהן־שטול טרויער־פאַרטראַכט,
עס קען איהם קיינער נישט פאַרשטיין
וואָס האָט איהם אַזוי טרויריג געמאַכט...

מיין פריינד האָט יעצט דערזעהן די וואַנד
וואָס שיידט איהם פון זיין טרוים געליעבטע,
טראַגיש געליעבט אין זעלען בראַנד —
זיין אייביג ליעבסטע טרוים געליעבטע...!

פרי מאָרגען

אין אַ שלאָף געלעהנט רוהט וועגולאַראַ!
זעהר שטיל באַוועגט זיך איהר פּערעל-ברוסט;
אין בלומען באַקראַנצט איז איהר קאָפּף אַרום
טרוים געשפּיעגעלט אין אַ טרוימען לוסט...

אַ וועלכע טרוימען טרוימט יעצט מיין ליעבסטע?
פון וועלכען הימעל-רייך ווייטעס לאַנד —
ווי וואָלט מיין זעעלע זיין מיט געצווילינגט
געהאַלזט פון דיין צאַרט עדעלע האַנד...

אַ שלאָף מיר בעגליקט מיין טיעף געליעבטע —
לבנה שטראַהלען קרוינען אַרום דיין אָרט,
און אַ פרייד בעוועלטיגט מיין ערוואַרטען
גרוס צו קישען דיר דיין ערשטעס וואָרט...

עס שוועבט דיין וואָרט ווי אויף סעפיר פליעגלען
אין בלויע ספּערע — אין הימעל לאַנד —
און עס קלינגט מיר דיין הערליכע שטימע
שעהנסטען אַקאָרד מיט אַ שפּראַך ביינאַנד...!

קלאַסישע נאַכט

שטיל פאַרשווינדען — אין וועלכען אָרט — לעצטע וואָלקען —
און דער הימעל — בלוי — טיעף און ריין — עס קומט אַ
שטערען —
זיין בלאַסער שיין — אין טרוים געהילט — איינזאַם —
איינזאַם —
איינזאַם פיהלט זיך — זיין קום און געהן — אַ שטיל באַגערען...

שליסט שוין די אויגען ? אין טהאָל די רויז — פאַרבאָרגען —
באַגינט דאָס ליעד — די נאַכטיגאַל — פון אַ פאַרגאַנגען —
שליסט די זילבע — מיט טאָן פון קוואַל — גלייך פאַרלאַנגען —
בלאַסער טרויער — איינט איינס און אַל — מיט ווייטע
קלאַנגען...

אַ רוישען ברומט — עס נויגט די צווייג — זיך געבויגען —
אורשפּרינגליך דופט — גרייכט קיהל דער ווינד — און
קרעפטען וועבען —
די ריינע לופט — טראָגט צאַרט מילד — אין זיך אַ שטרעבען —
ס׳קומט אַ שטערען — ווי אַ מדבר קינד — נאָך צו שוועבען...

לעצטער גרוס ! אַ זון פאַרגיין — קומסט ווידער מאָרגען —
פאַר אַ נייעם טאָג — פאַר אַ גרעסער גליק — ווי גערען —
אַ נאַכט ! אַ טאָג ! כ׳ליעב אייך אייביג מיט פאַרעהרען —
זינגט מיר אַלע — אַ ליעבעס ליעד — אין כאָר פון שטערען...

הייליגע רוה — רוהט שוין אָרום — שטילער — שטילער —
ס׳בויגט זיך די צווייג — נויג דיך און גלויב — נאַטור אין
פרומען —
די נאַכטיגאַל — זינגט נאָך איהר לויב — אַלע שטומען —
ס׳שיינט שוין לבנה — שטיל ווייס ווי טויב — און שטערען
קומען...

וואַלד מוזיק

אונענטפלעקט — זיך זעלבסט נישט קלאָר — דער בליק אין
דענקען —
באַגערט די שטילקייט — דער שטאַרער וואַלד — וואַלד פון
טענען —
אָוועגט צופאַל — ארום געהילט — קונפטיג בענקען —
טיעפעם הערצן — אין זיך געפיהלט — און ווייטעם קענען...

ס׳ציטערט אין זיך — פיעל מיט אַהנונג — וואַלד פון טענען —
ריינע זילבען — טענער גרוסען — פון „גרויס-אָרקעסטער" —
וואונדער קינסטלער — גרויסע מייסטער — צו דערקענען —
און דער רעזשיסער — דער דיריגענט — איז דער גרעסטער...

איז וואָס געהאַלטען — אין דעם ליכט-געהיים — נישט
געזעהן —
זאָל עם בלייבען — צו די פאָרשונג — ס׳געהערט די ווארהייט —
עם דאַרף אין לעבען — פאַרבאָרגען זיין — ווי ס׳איז געוועזן —
עם זאָל דאָס ליכט — דעם גרויסען סוד — נישט ברענגען
נארהייט...

שאָטען ליכט — ליכט און שאָטען — כ׳זעה דיך אין שפיעגעל —
אין לייכטע שריט — שוועבט אַן אורבילד — און אַלץ
גענומען —
אַ טיעפע פרייד — הויכער טרויער — שליסט דעם זיעגעל
און ענדליך פאָלגט עם — נאָך געווילד — אַ הייליג שטומען...

ווייסע שטראַהלען — פון דער לבנה — דאָ און דאָרטען —
הייליגע רוה — ס׳שימערירט — דער וואַלד פון טענען —
ריינע זילבען — צווילינגט ס׳מאָטיוו — אין געטליך קענען —
ס׳ציטערט אין זיך — טיעפע אַהנונג — וואַלד פון טענען...!

דער ספינקס

אַ טיעפע נאַכט פון פריהלינגס שענהייט!
אין געטליך שוויגען רוהט דיין שטיל שטאַנד,
און מיין באַגער איז נאָך צו פאָרשען
אוים דיין פיעל פאַרהערליכט מיסטיש לאַנד...

אוים דעם אינערליכען וואַלד געזאַנג —
הער איך שוין ס'ליעד פון געהיימע פראַכט
דיין געהיימניס וועל איך ערפאָרשען
נאָך אין היינטיגע הערליכע נאַכט...

דאָך רוהיג וועסט דו נאַכט פאַרשוועבען
מיט לייכטע פליעגלען געהיים און שטיל,
און מאָרגען וועט דאָס ליכט ערשיינען
צו באַלויכטען העל דעם צוועק און ציעל...

און דו — געטליכע וועגולאַראַ!
ליעבסטער מאַנאָוועןǃ איהר האָט דאָס וואָרט,
איהר האָט ס'הייליגסטע צו באַצוועקען
אין די שטאָדט — אין לאַנד — אין יעדען אָרט...!

נבוכדנצר׳ס חלום

(פּראָלאָג)

סימבאָליזירט דעם קאַסמאָפּאָליטישען סאָציאַליזם אין קאָנטראַסט צום אימפּעריאַליזם.

(דראַמאַטישע דיכטונג.)

עס איז אַ הערליכער טרוים פון טרוימען!
פון אַ ווייטען טרוימען־לאַנד אַ טרוים, —
און אַ ווי שעהן עס איז אויך געוועזען
אַ יענער — אַ יענער טרוים פון בוים...
ווי בליצען האָבען די אויגען געשטראַהלט
אַקעגען נבוכדנצר דעם העלד —
דער קעניג פון באַבילאָן וואָס באַגערט
צו באַהערשען די אַרומיגע וועלט.
האַ — האַ — וועלט הערשאַפט? ס׳הויבט זיך דיין ווילען —
שוין צו די הימלען — דו ביסט פרעמד דאָרט,
ער זעהט פאַר זיך אַ מעכטיגען גיגאַנט
מיט פלאַמענדע בליקען, קראַפט און וואָרט...
ווער איז געוועזען דער גרויסער טיטאַן?
וואָס האָט זיך קעגן קעניג געשטעלט —
ווער? — זיינען אויגען זענען צוויי בליצען,
און שטייט ווי אַ סטאַטוע אין דער וועלט...
דער קאָפּף געוועזען איז אַ גאָלדענער
און פון זילבער איז געווען די ברוסט,
די לענדען זענען געווען פון קופּפער
אין אַ האַרץ פון אַ זילבערנע לוסט...
און די פיס זענען געווען פון אייזען
און די פיס זענען געווען פון ליים,
דערשראָקען איז קעניג נבוכדנצר
אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ און היים...

עס איז אַ הערליכער טרוים פון טרוימען!
פון אַ ווייטען טרוימען־לאַנד אַ טרוים —
און אַ ווי שעהן עס איז אויך געוועזען
אַ יענער — אַ יענער טרוים פון בוים...!

גבוכדנצער פאַרלוירען

(פראַגמענט)

(אין פּאַלאַסט אַלע זענען פייערליך
פאַרזאַמעלט.)

נביאים:
מזרח, מעריב, דרום, צפון,
צפון, דרום, מעריב, מזרח,
חכמים:
אין וועלכער זייט — און ווי הייסט דאָס אָרט?
מכשפים:
מזרח, מעריב, דרום, צפון,
צפון, דרום, מעריב, מזרח,
סענאַט:
אין וועלכער זייט — און ווי הייסט דאָס אָרט?
מיניסטאָרען:
ווער עס דערבליקט זאָל זאָגען זיין וואָרט.
חכמים:
רעכטס, לינקס, — זיכער שיינט אונז דאָ און דאָרט.
כאָר:
אַ ווער ס׳דערבליקט זאָל זאָגען זיין וואָרט.
נביאים:
אין אַ שעהנעם וואַלד און טהאָל —
ביי די הויך עבענע „הימעלאַיאַ”...

כאָר:
ווי איז קעניג נבוכדנצר?

נביאים:
ביי די הויך עבענע „הימעלאַיאַ"...

מכשפים:
נון שפּרעכען מיר מיט איין מאָל.

כאָר: (אַלע)
ביי די הויך עבענע „הימעלאַיאַ"...

ווענדימאַר:
אין אַ בלאַסער לבנה נאַכט,
דער הימעל טרוים מיט די העלסטע שטערען...

כאָר:
אונזער קעניג נבוכדנצר!

ווענדימאַר:
אַלס אין בלויען שאָטען פּראַכט —
געהילט פון בענקשאַפט און טיעף באַגערען,
קיין זילב — שטיל מיט לייכטע שריט —
און פיליכט באַגלייט פון פּרינץ באַלשעצאַר...

באַלשעצאַר:
דעם „מעדיען" טרוימט זיך זעהר גוט.

ווענדימאַר:
דורך דעם גאָרטען „העליאָוויט"
איז אונזער קעניג נבוכדנצר —
צו דעם קריסטאַל בלויען פלום,
צום העלסטען וואַסער שפּיעגעל עפּהראַט...

כאָר:
און קיין וואָרט, און נישט קיין גרום?
ביים העלסטען וואַסער שפּיעגעל עפּהראַט...

װענדימאַר:

ביים ברעג איז שוין „סאַפיר גראַל"
די זילבערנע שיף — כ'װײס נישט פון װעמען?
גרייט געװוען צום װײטססטען װעג...
„סאַפיר גראַל" איז נישט אין לעהמען
געלעהמט װי די שיף „ארק פלאַם"
נור גייט זיכער הערליך װי איין מוזיק
אין דעם טיגרים, אויך אין ים,
רוהיג, גלייך — װי פון אויג דער שטאַרער בליק...!
פון „עפהראַט" איז די שיף
איין אין „טיגרים פלום" פון שנעלען שטרוימען,
ביי פעלזען בערג צום מעער צו
פאַרביי שטאָדט אזור — די שטאָדט פון טרוימען...

חכמים:

װײסט דאָס קלאָר פרינץ װענדימאַר?

װענדימאַר:

כ'װײס נור נישט קלאָר, צו האָט פרינץ באַלשעצאַר?
דעם קעניג באַגלייט אין װעג,
פיליכט סעמיראַנטיאַ נבוכדנצר?
װי עס פלעגט דאָך אימער זיין
װען דער קעניג איז נאָך װײטע װעלדער
אויסגעפאָהרען אויף געיעג —
אין װילדע װיסטען, אין װילדע פעלדער...!

ליעבע ערקלערונג

(„וועגדימאַר" צו „סעמיראַנטיאַ")

אַ צאַרטער שטראַהל געהילט פון בלויען עטהער
לבנה ליכט — עס שיינט אַ ווייטער שטערען...
און אַ טרוים וועלט בליהט אויף פאַר מיינע אויגען
ווי מיין זעעלע קען זיך נישט אויסצערען...

אַ ליעבסטע! כ'האָב דיך אין מיין טרוים געזעהען —
אין מיין וואַנדער טאָג קיין מאָל פאַרגעסען.
ביי די שטאָלצע צעדערען פון ליבאַנאָן
רופט אוים מיין שטימע — הערליכסטע פרינצעסין...!

פיעל גרינע מירטען און לאַרבער צווייגען,
האָב איך געזאַמעלט אַ קראַנץ צו בינדען,
פון די הערליכסטע פאַלמען און ציפּרעסען
און בליהונגען פון די שעהנסטע לינדען...

אַ עדעלסטע! הויך איז דער טאַנץ פון ליעבע —
ווי די ליעבע שלמה'ס און שולמית,
דיינע אויגען זענען צוויי בלויע שטערען
גלייך ווי פון די גרויסע סעמיראַמים...

די נאַכטיגאַל וועט זינגען שעהנסטע ליעדער
האַרפען וועלען ווימלען שעהנסטע קלאַנגען,
דער הייליגער וואַלד וועט זיין אַ קעניגרייך
פון גליק און וואונדערליכסטע געזאַנגען...

און זאָג אַ ליעבסטע! מיר אַ וואָרט פון ליעבע —
און ליעבסט דו מיך נישט? בין איך ווי באַלשעצאַר
טרייער ברודער דיר — הערליכסטע פרינצעסין!
ליעבסטע סעמיראַנטיאַ נבוכדנצר...

דאָס ראָמאַנטישע לאַנד

1

עס נויגען זיך פון די זון די העלסטע שטראַהלען,
זיי קומען קעגען טאָג אין שעהנעם מאָרגען —
די לופט ווי פּערפום פון אַלע פיינסטע בלומען
און די בוימער שטעהען סודות׳דיג פאַרבאָרגען.

פון ווייטענס צייגט זיך דער ים אין בלוי־גרין קאָליר —
די שטראַהלען שפּיעלען זיך אין ים און בלינקען,
עטוואָס ווייטער שטייט אַ בלויע שיף געאַנקערט
די שיף איז שטאָלץ געזיכערט פאַר דעם זינקען.

מיר זעהען וויים בלויע זיידען פאַהנען
אויף די העכסטע הויך פון מאַסט בוים גיגאַנט,
ביי דעם איינגאַנג שטעהען צוועלף גאָלדענע לייבען
מיט אויגען שעהנע פון ריינעם בריליאַנט...

אַ טיעפער ווילדער וואַלד זעהט זיך פון דערווייטענס
און רופט מיט בלומען דופט און וואַלד געזאַנגען,
די פּראַכט גרינע בערגער פון אַ קעגען איבער
זינגען מיט אין כאָר פון עכאָ קלאַנגען.

ס׳שטעהען צו רעכטע זייט אָרום די יונגע העלדען
אַהנונגם געשטימט אין לאַנגע גלייכע רייהען,
די אַלטע שטעהען לינקס און בליקען צו די יונגע
אַהנונגם געשטימט אין לאַנגע גלייכע רייהען.

2

ס'שטייט שוין די ריעזען שיף צום וועג געגרייט
און ס'שימערירט דער ווייס זילבערנער מאַסט בוים,
עס ווערען די וואָלקענס פון מאַסט בוים שוין באַריהרט
אין די העכסטע הויכקייט צו דעם בלויען רוים...

ביי דעם פראָנט שטייט אַ מעכטיגער ריעזען אָדלער
די פליעגעל הויך און שטאַר ווי אַ ספינקס פון שטיין,
און די שעהנע אויגען פון די גאָלד'נע לייבען
שיינען ווירקליך אין דעם העלסטען בליק צו זיין.

עס זעהט זיך אַ גאַר גרויסער גאָלדענער אָרגעל
און אַ ריעזען זינגער כאָר איז אויך שוין גרייט,
פון טויזענט אינסטרומענטען אַרום געריגגעלט
מיט פיעדלען, וויאָלין-טשעלען אין יעדער זייט.

עס פאַרזאַמלען זיך שוין שנעלער אַלע העלדען
קומענדיג פון די בערגער, פון טהאַל און וואַלד,
און ס'שטייגען איין צו די וואונדערליכע רייזע
צוואַנציג טויזענט שטאַרקע העלדען יונג און אַלט...

עס ווימעלט שוין דער גרויסער וועלט אָרקעסטער
די טענער שוועבען צו אַלע טהיילען וועלט,
די צוקונפט הימנע זינגען אַלע העלדען
יעדער איז בעגייסטערט, יעדער איז אַ העלד...

3

ים און הימעל — פון מוטער ערד שוין קיין צייכען
און שנעל מאַרשירט די שיף מיט שטורם און שטאַרקע מאַכט,
מיט ווינדיגען געוואַלד שלאָגען זיך די כוואַליעס
דער טאָג דערגרייכט אין זון אינטערגאַנג — ס׳קומט די נאַכט...

רויטע פייער שטרייפען ביים האָריזאָנט —
און די פּורפּור וואָלקען בינדען זיך אין באַנד
ווי וועלדער אין די נאַכט מיט ריעזיגע שאָטענס
קעגען וואולקאַנישע בערג אין פלאַמענדען שטאַנד...

גלייך ווי אַ וואַלד ווערט פאַרשלונגען אין פייער —
עס שרעקט אַלעם צו פאַרהילען אין פלאַמען באַלד,
פּלוצלינג פאַרשווינדען די פייערדיגע פלאַמען
און נישט געריהרט איז דער בלוי נאַכטליכער וואַלד...

4

ס׳שטורמט דער ים — דאָס ליכט פון טאָג איז לאַנג שוין נישט דאָ
מיט טריאומף קומט אָן ס׳נאַכטליכע באַשווערען,
דער וויטער הימעל איז סודות׳דיג פאַרטראַכט
מיט טויזענטער — טויזענטער גאָלד׳נע שטערען...

אויף די שיף איז שטיל, ס׳שפּאַצירען אַהין און צוריק —
יונג און אַלע צוזאַמען — און איינזאַם פאַרטראַכט,
ס׳ברענען שוין אַלע ליכט אַרום און אַרום
די ליכטיגסטע שטראַהלען אין די פינסטערע נאַכט.

5

ס׳שטורמט דער ווינד — און אַ נעבעל פינסטערניש קומט אָן,
כאַאָס ברומט דער שטורם... און די כוואַליעס ברומען...
ווירבלען זיך — פּלוצלינג הויבען זיך מעכטיג און הויך
זינקען צוריק געצויגען און ענטקומען —

און שטייגען ווידער מיט די געוואַלטיגסטע מאַכט
גלייך ווי זיי ווילען פאַרשלינגען דעם הימעל...
עס וואַקעלט זיך די שיף דאַ אַהער דאַ אַהין
און ס׳שלאָגען זיך די כוואַליעס אין געטימעל.

ס׳צווייפלען די העלדען שוין אין אַנגסט אין פורכט און שרעק
און לויפען הילפסלאָז אַרום אַלע זייטען,
עס שטעהען די מאַטראָזען אַרום און אַרום
און ס׳לעשט זיך דאָס ליכט, עס לאָזט זיך נישט שטרייטען...!

גערופען ווערט דער נביא — דער נביא פון שיף —
ס׳קומט לאַנגזאַם — דאָך שנעל — מיט פייערדיגע בליקען
דער נביא צו געהן, און שפּרעכט אוים איין וואָרט נור...
גלייך פאַנגען די כוואַליעס אין זיך צו דריקען

זייער וואולקאַנישע געוואַלד, שטורמישע מאַכט,
ס׳פאַרשווינדט דער נעבעל, עס שטומען די ווינדען,
און אַלעס זעהט אוים ווי עס וואָלט נור אַ טרוים זיין
עס ברענען די ליכט ווי יעצט אָנגעצונדען...!

6

דער נביא, דער גרויסער, דער הייליגער נביא!
האָט אמת געשפּראָכען, דעם אמת גערעדט,
זאָל לעבען, זאָל לעבען, דער הייליגער נביא
דער וואָס ווייט דערזעהט און דעם אמת אַנטדעקט.

מיט רייניגקע וואַסער אָנגיסען די עמערס
און פון אַ געפעאַר וועט אייך דאָס פאַרמיידען,
אַזוי האָט געהייסען דער הייליגער נביא
און מיר זעהען — די נביאה איז בעשיידען...!

עס גענעהנט אונז אַ טאָג — פון ווייט אוים געקומען,
אַ טאָג מיט שטראַהלען און טריאומף׳ס געזאַנגען,
פון גליקליכע טענץ, און פון פרייד און ענטציקונג —
די מוזיק, דאָס געזאַנג, און עכאָ קלאַנגען...

אַ אייניגט אייך טענער האַרמאָניש צוזאַמען —
צו לויב געזאַנגען פאַר די אונענדליכקייט,
זעהט איהר נאָך נישט מעהר ווי נור הימעל און וואַסער?
בליק אויף! ס׳קומט אונז שוין הערליכע לענדליכקייט...!

7

צוריסענע קלאנגען, און טיעפערע שטילקייט,
עס וואקסען די שאטענס און פארלירען זיך גלייך.
און ס'וועבט זיך א בלוי ליכט אין לויטערע שענהייט
עס בלאסען די שטערען, די לבנה ווערט בלייך...

עס טראגט זיך די שיף מייעסטעטיש וואונדערליך —
הימעל געשפיעגעלט פון די געטליכסטע פראכט,
טרוים וויזיאנען פון גליקליכע נייע וועלטען
זיכערע צייכענס פון פארגעהענדע נאכט...

ווי מיעד זעהט דער ים אויס — פון העלדען באזיעגט,
דער ים קען נישט קעמפפען קעגען העלדען מאכט —
שטאלץ שפאצירען די גיבורים די זיעגער,
אויפ'ן פארדעק פון שיף — פארשווינדען איז די נאכט...!

8

אין פליסטערען בעגינען אלע פייגעל —
מיט געזאנג ענטציקט אין זילב און ווארט,
און עס הערט זיך רוישען איין אל־ערוואכען
מיט א מארגען גרוס פון ארט צו ארט...

ס'קומט אן דער הערליכער זונען־אויפגאנג
און עס הערט זיך שוין דאס ליעד פון טאג,
עס פראפעהטען די פויגעל געזאנגען
דאס שעהנע אידעאל אין דעם פלוג...

וועלדער און גערטנער, און בערגער און טהאלען,
און אלעס איז גרין, וואונדער שעהן —
א נייע וועלט זעהט זיך פון ווייטענס
פון ווייטעסטע ווייטקייט אויס געזעהן...!

אַפּריל

מיר שיינט ווי ס׳וואַרט
גאַר טיעף פאַרטראַכט,
פון ווינטער שלאָף
די אַפּריל נאַכט.
שוין לאַנג ערוואַכט...
און מאָרגען גרוס,
גאַר פריה געבראַכט
און איז פאַרטראַכט...
ס׳איז שטיל דאָך רוישט
נייעם לעבען,
עס שטורמט די לופט
נייעם לעבען,
עס גרינט די ערד
פערפום די לופט
דער פריהלינג ווערט
און ס׳עכאָ רופט
נייעם לעבען...!
נייעם לעבען...!

אויף ווידערזעהען...

עס האָבען די בלומען —
די הימלישע בלומען,
פאַרבעטען די מלאכים
אין פריהלינג צו קומען.
אַזוי זענען מלאכים
מיט פליגעל בעוועגונג,
געקומען פאַרזאַמעלט
אין געטליכע רעגונג...
עס שווייגען די בלומען —
די מלאכים זיי שווייגען,
און דער ווינד די בוימער —
באַוועגט נישט די צווייגען,
און ס'שטילען די קוואַלען
די ים'ען און טייכען,
אַלס איז אין אַ שטימען —
פון רוישען קיין צייכען...
גלייך האָבען פאַרשטאַנען
די מלאכים די בלומען,
און זענען פאַרשוואונדען
גלייך ווידער צו קומען...!

צופרידענהייט

געבענשט איז די בליהונג —
ס'בליהען שוין די פעלדער,
אַרום אַלע זייטען —
גרין זענען די וועלדער.
עס גרייכט שוין דער זומער
אין ווייטען געלאַנגען,
עס זענען שוין צייטיג
די גאָלדענע זאַנגען.
ס'קומען די יונג פרויען
און ס'קומען די מענער,
מיט פריידיגע ליעדער
און ערליכע טענער.
גרוסען מיר דאָס לעבען
אַלע לעבענס צייטען,
קומט אונז אויך די ברכה
פון ווייטען און ווייטען.
קישען מיר די נאַטור
אַלע לעבענס פאַרבען
בינדען מיר די זאַנגען,
אין רייכערע גאַרבען...!

פּאַסטאָראַל

כ׳זינג ענטציקט
איין שעפּפונגס ליעד,
כ׳זינג באַגליקט
און ווער נישט מיעד.
ס׳ציהט מיין הערץ
אוועק גאָר ווייט,
כ׳פיהל אַ שמערץ
נאָך בליהונגס צייט...
בליהונגס דופט
פאַרוועלקסט נישט מעהר —
ריינע לופט,
און קלאַנג געהער...
קלינגט שוין גלייך
אין וואונדער קלאַנג,
כ׳זינג מיט אייך
איין שעהן געזאַנג.
כ׳זינג ענטציקט
איין שעפּפונגס ליעד,
כ׳זינג באַגליקט
און ווער נישט מיעד...!

זומער טאָג

גליק און ליעבע בענשט דער הימעל
און ס׳שפּיעלט דער וואַלד אַ סימפאָניע,
אין געזאַנג פון טויזענט פייגעל
דאָס שעהנסטע ליעד פון האַרמאָניע...

אָ שעהנער וואַלד! איך בין אָן ליעבע —
שפּיעל מיר אַ ליעבעם סימפאָניע,
און גלייך מיט דיר וועל איך זינגען
דאָס שעהנע ליעד פון האַרמאָניע.

שעהנע געזאַנגען און מוזיק, —
ביים פאָנטאַן און מאַרמור ברונענס
ווימלען האַרפען ביי צוועלף נימפפען
און עס פּלאַצען נישט די סטרונעס...

אין דעם צאַרטען גליק פון ליעבע
אַרום מוזיק און געזאַנגען,
וועלען מיר ליעבעם איינשלאָפען
אין דעם כאָר פון עכאָ קלאַנגען...

דער קאַנאַריק אין שטייג

ווער קלינגט נאָך מיר — ווער רופט דאָס מיך ?
מיט אַזאַ זיסען צויבער קלאַנג, —
אָך, דאָס איז דער וואַלד, שעהנער וואַלד !
עס איז מיר אָן דיר ווירקליך באַנג...

איך קום, איך לויף שוין ליעבער וואַלד !
איך בין שוין דאָ, און כ׳זיץ שוין גלייך,
אויף דעם צווייג פון ריעזען בוים
און אַ ווי שעהן... ווי הערליך רייך...

און כ׳בליק צום הימעלם זונען-שיין
די זון — זי בליקט דאָך אויך צו מיר,
ווי ליעב זי שמייכעלט פיעל מיט חן
אַזש כ׳זאָג דיר וואַלד, איך לויף צו איהר...

און כ׳הער אַ געזאַנג — ווער זינגט דאָס ?
זינגט פילייכט אַ ליעבסטע צו מיר ?
וואָס רעדסט דו וואַלד — דו נאַרסט מיך נישט,
איך לויף צו איהר... איך לויף צו איהר...!

ערוואַכונג

הערבסט — ווינטער — פריהלינג — זומער —
ס׳קומט דער פריהלינג גאָר אויפס־ניי,
נייעס לעבען, נייע ליעבע,
לעבען — ליעבען — איז כדאי...

פון אַרום די זומער פלעצער
רופען מענשען צו נאַטור,
צו די שעהנע בערג און פעלדער
פאַר בלומען — וואַלד און קרעאַטור.

קומען אויך די מענשען טעכטער
צו דעם יום טוב פון נאַטור,
זיהן און טעכטער, ברידער ,שוועסטער,
און דערקענען זיך אויפס־וואָהר...

קישען זיך די זיהן און טעכטער —
מאַן און ווייב און ווער בייקאַנט,
אויך זאָגאַר די עטוואָס שעהנע
זעהר גאַלאַנט און אויך שאַרמאַנט.

די מוזיק מיט שעהנע ליעדער
פאָקס־טראָט — טאַנגאָ — געזאַנגען,
עס טריאומפירט די ראָמאַנטיק
דעם וועלט בערוף מיט קלאַנגען...!

אויף די פליגלען פון גייסט

(ווידמונג)

דער ים — דער גרויסער שעהנער ים —
דאָס לאַנד — דאָס גרויסע שעהנע לאַנד,
קום אַהער ליעבעס שעהנע ווייב !
ס'שיינט אונז אַ וואונדער טרוים ביינאַנד . . .

דער גרויסער הימעל מיט זיין פּראַכט
מיליאָנען שטערענס צויבער ליכט,
די פאַנטאַזיע פון טיעפע נאַכט
מיט אויפ-גאַנגס זון אין גלייך געוויכט . . .

דער טאָג האָט אויך גאָר גרויס באַדייט —
פאַר קראַפט און לוסט און לעבענס טאַקט,
טוריסטיש גליק אַ גרויסע צייט
און פאַרגעניגען אַ גרויסער אַקט . . .

אַלעגאָרישער ראָמאַנס

נייע וועלטען שיינען אויף —
דיין צאַרט וואונדערליך געשטאַלט,
טרוימהאַפט בליקסט דו מיידליש שעהן
גלייך אַ סטאַטו שטום און קאַלט...

כ׳קען מיין בענקשאַפט שוין צו פיעל —
דאָך בעוועלטיגסט אייביג מיך,
פיזיאָגנאָמיש — רעטזעל ספינקס!
וואָס איז דיין קראַפט פרעג איך דיך?

און אַ ציטער געהט דורך מיר
פון אַ טיעפען לייד און שמערץ,
יאָהרען לויפען... לעבענס לוסט...
און מיר שיינט עס וויינט דיין הערץ...!

נייע וועלט

אַ ווי העל און ליכטיג גייט דאָס לעבען
צו אונזער אידעאַל מיט גרויסע מאַכט,
און אַ יעדער מענש האָט זיך זיין שטרעבען
און עס לעבט זיך פריידיג אין טאָג און נאַכט.

עס שוועבען אַרום — מוזיק — געזאַנגען —
די הייזער זענען פּרעכטיג וואונדער שעהן,
בוימער, בלומען דופט, און האַרפען קלאַנגען,
אין אַ יעדען מענש איז דאָס גליק צו זעהן.

און מאָרגען — צו היינט — און היינט — צו מאָרגען —
דאָס לעבען פון לויטער ליעבע בעשיינט,
אַלע מענשען זענען פריי פון זאָרגען
און אַלע מענשען אין ליעבע פאַראייגט.

קריזים

קריזים — דו מענשען פיינד פון אַלע צייטען
וואָס ברענגסט די וועלט אין שמערץ און ליידען,
און קומסט באַרבאַריש אַזוי ווילד צו רייטען
און ס׳שיינט אַז ס׳איז נישט צו פאַרמיידען...

קריזים — קומסט אוראַלט ווי וועלט און אייביגקייט —
אויף שלעכטע וועגען צו פאַרפיהרען,
שלאָגסט די פרוכט פון אַרבייט צו די ליידיגקייט
און שלאָגסט געווינען צום פאַרלירען...

דורך דיר ס׳מענשליכע צו דערגרייכען
כ׳וויל דאָך אַ בעסערען שליח,
און דיך יאָ טיעף צו וואַרפען אין די טייכען
דער גוטער וועט שוין זיין מצליח...

דו ביסט שוין אונז באַקאַנט פון פרעה׳ס צייטען
אַ מהלך פון טויזענטער יאָהרען,
אַ שלעכטען נאָמען זיך געמאַכט ביי לייטען
און קומסט דאָך אונפאַרשעמט צו פאָהרען...

שרעקסט דיך נישט זאָגאַר פאַר אַמעריקאַנער
„די מעכטיגע אינדוסטרי העלדען"
וואָס האָבען דאָס לאַנד פון די רויט אינדיאַנער
געמאַכט דעם נאָמען גרויס צו מעלדען...!

אַ פאַרקום שוין קריזים פון אַלע וועלטן,
פון אַלע ספערען, פירמאַנענטען,
פון אַלע מענשען, און אַלע געצעלטען,
פון קאָנטינענט — און קאָנטינענטען...!

דער ויידע זאָגט

אונ איהר וואַרפט די בעכער פאַר דעם טרונק —
ס'איז איין אונבעליידיגטע יוגענד האַנדלונג,
איהר דערשעפט נישט וואָס איהר קענט צו גלייך —
און צו שנעל בעגעהרט איהר די פערוואַנדלונג.

געפינט איהר אייער ציעל אַזוי שנעל?
אַזוי שנעל ווי איהר מאַכט די פעוואַנדלונג,
און ווען ווירקליך געפינען וואָלט איהר —
וואָלט אונז נישט פאַרדראָסען אייער האַנדלונג.

יאָ מיר ווייסען — געדענקען נאָך פיעל,
אויך מיר האָבען געלעבט אין אַ יוגענד,
וואָלטען מיר אַנדערש געהאַנדעלט נור
וואָלט זיין אונזער צייט לויטער טוגענד.

ליידער קומט חכמה שפעטער צו געהן
ווייל זי קריכט און האָט פיינט זיך צו איילען,
און ווען אַ קעגן לויפט איהר צו שנעל —
איינינען זיך נאַרהייטען צו ציילען.

וואָס פאַר אַ חכמה בעווייזט איהר דאָס?
איהר דערטרינקט נישט די ווייז פיעלע בעכער —
און ווען דערטרינקען דעם וויין וואָלט איהר,
וואָלט עס שעהנער זיין, בעסער און העכער.

סאַ'יז אונרעכט אַז פאַרלוירען זאָל געהן —
עלטסטער וויין אויס דעם ערדישען קעלער,
דעם בעכער דערשעפּען ביז אין גרונד
אָבער צו שפעט באַגרייפט איהר דעם פעהלער...!

מיט זילבערנע באָקאַלען

אַ לערנט צו שעצען גוטען וויין,
איהר אַלע מיינע ליעבסטע פריינד!
יאָ ווייל די זעעלע רוהט ביי וויין —
און זענען מיר עטוואָס פריי היינט...

און ווייל די זעעלע דאַרף אויך רוה
אַזוי בעגערט דאָס מענשען הערץ,
און טרינקט שוין אַלע יאָ דעם וויין
ווייל ער בעפרייט אונז אויך פון שמערץ.

און נישט געזאָרגט, און נישט געקלעהרט —
און טרינקט שוין אַלע יאָ דעם וויין —
און ווער עס זאָגט דאָס בעסטע וואָרט
דעם זאָל עהרע בעיאָבעלט זיין...!

מיט שיף און באַן און עראָפּלאַן

אַ נייע וועלט, אַ נייער מענש געבוירען...!
אַ נייער פריהלינג, און אַ נייער הימעל,
און אַ נייעם לעבען קומט אַן פון ווייטען
מיט מוזיק באַגלייט און האַרפען געווימעל.

ערשאַל מוזיק דיין הערליך שעהנסטע הימנע —
אַ הימנע מאַרש פאַר נייעם גליק און לעבען,
אַ נייע ערא זאָל פון היינט בעגינען
פון ליעבע, מענשליכקייט, און הויך באַשטרעבען...!

ביים קבר שאַרל באָדלערס

אין דעם טעמפּעל פון אייביגע ליעבע!
ביי דעם טראָהן פון זעעלישען הימעל רייך,
דאָרט רוהט דער גייסט פון טראַגישען דיכטער
פון שארל באָדלער׳ן — ווער קען איהם פון אייך?

דאָך דאָ אויפ׳ן אָרט בייגראָבען איז באָדלערס —
קערפּער אויף אייביג בעהאַלטען שוין לאַנג,
פון טראַגישען לעבען שמערץ און ליידען
פריי שוין אויף אימער, און אויך פון געזאַנג...

אַ שאַרל באָדלער! ווי שעהן איז דיין זעעלע —
דער הימעל פון ליעבע איז נישט פאַר דיר,
שיינסט זעלבסט „אידעאַל” פון „שעהנע אידעע”
דאָך דיין געטליך ליעבסטע? ביסט דו פרעמד איהר...!

ס׳איז דיין שמערץ אַזוי גרויזאַם און שרעקליך,
דאָך טיעף בעהאַלטען אין הייליגען הערץ.
ס׳פעהלט דיר די מעכטיגע שווערד פון „זיעגפריעד”
צו בעקעמפּפען דיין אונגליק, — אויך דיין שמערץ...

כ׳בין אין טרויער נאָך דיר אַ שאַרל באָדלער!
און כ׳קראַנץ דיין קבר מיט בלומען אסאַך,
עס פאַרדריסט מיך דיין טראַגישעס לעבען
דיין ענדע — געלעהמט, בארויבט פון די שפּראַך...!

פיזיאָנאָמיע „שאַרל באָדלער"

וועלט ציוויליזאַציאָן און קולטור!
האַ-האַ-האַ — ביסט וויים דערפון —
אַ מענשהייט! און שלעכט איז דיין נאַטור,
אויך דיין זעעלע — גייסט און זין...

שוין טויזענטער יאָהרען פאַרפלויגען,
טויזענטער יאָהרען פאַרביי —
און דו קריכסט נאָך אימער געבויגען
טראָגסט אַלץ אַ הויקער אויפס'ניי.

די גרויסע געניען און דענקער
זענען פאַר דיר אַ שפּיעלצייג,
און ווי איין אָפּפער ביי דעם הענקער
איז ביי דיר דאָס גליק איין שטייג.

און ווען דו זאָלסט דעם דענקער עהרען
דאָ מאַכסט איהם גאָר צו שאַנד,
און נויגסט דיך פאַר מאַראַל און לעהרען
פון איין אידיאָטישען שטאַנד.

פיזיאָנאָמיע „אָסקאַר ווײַלד"

איך האָב אויף איין אַלפּען בערג שפּאַציר
געזעהן אַ וואונדערליך בילד,
איך האָב מיך געשראָקען דעריבער
ס'האָט מיר געשיינט אַזוי ווילד.

ס'האָט געזעלשאַפט געטאַנצט קאַראַהאָד
און צו געזונגען אַ ליעד,
געטאַנצט האָבען זיי זעהר בעגייסטערט
און גאָר נישט ווערענדיג מיעד.

פּלוצלינג זיי שטעלען זיך אין רייהען,
בעגינען מיט שטורם אַ קריעג,
זיי שלאָגען זיך שטאַרק ווי טיטאַנען
ביז איין רייה דערגרייכט אַ זיעג.

און זיי טאַנצען גלייך דעם קאַראַהאָד
צאַרט באַגייסטערט ווי בעפאָר,
און זינגען די פרייליכע טאַנץ ליעדער
אַלע צוזאַמען אין כאָר.

באַגרייף איך — בליק צו מיט אַ שמייכעל,
און שפּרעך צו מיר גאָר אַליין
זיי מוזען זיכער זיין מיטגליעדער
פון אַ טאַנץ און קריעגס פאַראיין...!

פיזיאָנאָמיע „פריעדריך ניעטשע"

וועלט געהיימנים פון צוקונפט צייטען!
כ'זין דאָס בוך פון בלאַט צו בלאַט,
און וואָרף מיין בליק אין אַלע ווייטען
דורך אידעען און דורך טהאַט.

און איבער ווייטע האָריזאָנטען
פון הויך געבירג אויסגעזעהן —
די צוריקצוגען און די פראָנטען
דערשיינען מיר אָפט מאָל שעהן.

דאָך קלינגט מיר נישט דער מאַסען פסיכאָז
וועלט אידעאַליסטישען קלאַנג,
פון וואָס עס טרוימט דער וועלטען ווירטואָז
טויזענטער יאָהרען שוין לאַנג.

און צו גאָר נייע פיראַמידען
איז דער מענש אימער פאַרשקלאַפט,
גלייך ווי אין עגיפּטען די אידען
באַרויבט פון לוסט מאַכט און קראַפט.

אין אַ ווירקליך אידעאַלע פלאַטע
זעהט זיך זאַגאר נישט אין טרוים,
און מענש אַרטילערי — פיעכאָטע
האַלט די וואָרצלען ווי אַ בוים.

און אידעען ווערען פאַרגעסען
פון רעגירונג און שטאַאַט,
פון קעמפּפער גוואַרדי — און טשערקעסען,
עס פעהלט זיי אַל געדאַנק און טהאַט...!

צום זכרון י. ל. פרץ

ס'איז צייט אַ גרויסע וועלטען מאַכט !
אַז דיין ווילדע-הערשאַפט זאָל זיין אַ סוף,
פאַרזונקען זאָל דיין שוואַרצע נאַכט
און לעבען טריאומפירען זאָל דערוף.

פינסטער — פינסטער איז די נאַכט היינט
אין דעם הימעל צו זעהן איז קיין באַגער,
און טרויער בעוואוסט פריינד און פיינד
אַז דער דיכטער „פרץ" איז נישט דאָ מער.

איין מענש פון זעעלע און פון גייסט —
פּאָעט און קינסטלער פון געדאַנק און וואָרט,
ווער עס ווייסט נישט, און ווער עס ווייסט —
דאָך די העלדען גייסטער פון יעדען אָרט.

טיעף אין געדאַנק, און טיעף אין הערץ,
און די נשמה און זעעלע פאַראיינט —
וועט יעדער פיהלען טיעפען שמערץ
נאָך דעם גרויסען גייסט וואָס האָט העל געשיינט, —

ווי ס'שיינט אַ זון אין הימעלס רוים,
דאָך שוין נישט דאָ מער איז דער גייסטער העלד —
פון געדאַנק, אידעע, און פון טרוים,
דו האָסט פאַרלוירען — גרויסע, גרויסע וועלט . . . !

„די וואַנט פון אַ מוזעאום"

דאָס בילד אדם

אייביג בעגער נאָך גליקזעליגקייט
און גן עדן׳דיגע פּראַכט,
פון רוה — ליעבעס לעבען — געטליכקייט —
„דער קריסטאַל" פון טאָג און נאַכט.

ווייל גליקליך איז דער טאָג און מאָרגען
ס׳לעבען איז אַ וואונדער ליעד,
עס קומט דעם מענשען נישט צו זאָרגען
ער זאָל צום טרוים נישט זיין מיעד...

צו קלערען, פאַרשען, טראַכטען, דענקען,
נישט געקוועלט אין גייסט און הערץ,
און אימער נאָך דאָס נייע בענקען
נישט ליידענדיג קיין וועלט שמערץ...

דאָס בילד חוה

און דאָך געשטערענגט פון טיעפען דענקען—
גרייפט דער מענש צום וויסענס ברוים,
שטאַרק געניינגט פון באַגער און בענקען
ווערט דער מענש דאָך פריי פון צוים.

נעמט די פּרוכט פון שלאַנגען צערטליכקייט,
פאַר דעם גליק — צו געגען גליק ?
און געפינט דאָך נישט די זעליגקייט —
קלאַגט ער מיט פאַרשעמטען בליק...

דאָס בילד שולמית

עס טראָגט דער מענש די צערטליכקייטען,
אין זיין נאַטור, אין זיין גייסט,
אין אַלע גרויסע קליינע צייטען
איז דאָס בעוואוסט ווער עס ווייסט...

ווען די געוויסע עלעמענטען —
גלייך פאַראייניגט אין איין קראַפט,
זינגען דאַמאַלסט די פירמאַנענטען
ס׳לעבען פרייד זיך און עס שאַפט, —

פיעל פאַרגעניגען, דערגרייכט בעגער,
פרייד אין אַ יעדען געצעלט,
און אַ שיר השירים זינגט — ליעבע —
לעבען, שענהייט, קונסט, און וועלט...

און עס זינגען מיט אַלע הימלען,
מיט דעם גלאָק פון פרייהייטס-קלאַנג,
פריינדשאַפט, טרייהייט אין אַלע וועלטען
מענש — נאַטור — אין כאָר געזאַנג.

איבעראַל אַרום איז אייביגקייט,
אַ האַרמאָניע דאָ און דאָרט —
פעלד ליעדער, און טאַנץ ספּעקטאַקעלען,
מיט מוזיק, געזאַנג און וואָרט...

דאָס בילד קעניג דוד

ווייל אויך מיט שעהנע האַרפּען קלאַנגען
מוז די מענשהייט — אויך דער מענש,
דעם ציעל דערגרייכען מיט געזאַנגען
קלינגט אין לופט דאָס וואָרט — איך בענש...!

און קרוין דיך וועלט צום שעהנעם לעבען,
ס׳גליקט דיר ליעבע — פריעדענס קראַנץ —
און זעה — עס האַלט זיך אין איין וועבען
געזאַנגען — לוסט — פרייד — און טאַנץ...

דאָס בילד קעניג שלמה

און אויף דעם דענקער טהראָן — פון דענקען —
טראַהנט דער גרויסער דענקער גייסט,
גאַר געשטרענגט פון אַ טיעפען בענקען
איז אַלץ ווייניג וואָס ער ווייסט.

באַגרייפען חכמה, און — באַגערען —
וואַרהייט, שענהייט, קראַפט און ליכט,
און וואָס מעהר — און פיעל צו באַלעהרען
שאַפענדיג דאָס וועלט געריכט.

דאָס בילד סאָפאָקלעס

ווי ריין עס איז דער שעהנער הימעל
ווערט ער אויך מיט וואָלקען גראָה,
און ס׳קומט אָן מיט אַ שטיל געווימעל
אונבעקאַנט — וואָס איז לאַנג שוין דאָ.

דער צופאַל — קאָנפליקט — בייז און ליידען
האָט אין לעבען אייביג אָרט,
און ס׳שלעכטע קען זיך נישט פאַרמיידען
עס העלפט נישט — העלד — גייסט — און וואָרט...

דאָס בילד שעקספּיער

פון מענש — מענשהייט — אין אַלע צייטן —
איז דער גייסט פון גוט און בייז,
ווי געבונדען פון זילבער קייטען
ווער ס'איז שולדיג פעהלט בעווייז.

עס איז דער מענש — און מענשהייט אימער
געוועזען קליין, קורץ און גרויס,
אין שטאָדט, דאָרף, אין לעבען, אין צימער,
קאַריקאַטור — שעהנע רויז...

דאָס בילד געטהע

עס רוהט אין מענשענס זעעלע אימער
ס'גוטע געפיהל און בעגער,
און פיעל בעהערשט פון זאָרג און קימער
צו דער אידעע פון גוטען וואָס מעהר.

פיעל מאָל האָט טריאומף שוין געזינגען
דעם זיעג פון גוט איבער בייז,
אַרום איבעראַל אויסגעקלינגען —
עס איז בעקאַנט שוואַרץ אויף ווייס...!

דאָס בילד סאַפאָ

אין אַ ים שטורם פון ליעבעס לעבען
טרייבט דער מענש זיין שיף זעהר ווייט,
געהיימע בענקשאַפט, און בעשטרעבען,
נאָך „שטורם ליעבע” פריהלינגס צייט...

ס'פלאַמט אויף מיט פייערליכע שטראַהלען
די עראָטישע ליעבעס לוסט,
און דער מענש ווי איין קינד מוז פאַלען
צו די מוטער ליעבע ברוסט...

דאָס בילד עדגאַר פּאָע

דאָס לעבען אַלס אַ וועלט סימפּהאָניע
פון שעהנסטע הימלישע הויך.
אין אַ צאַרטע שעהנע האַרמאָניע
דאָ קומט שוין די ליעבע אויך...

דאָך ליעבע קען אויך זיין אַ פּראָלאָג
צו לעבענס דראַמאַ און וועלט,
אַזוי ווערט דער מענש אַ סאָציאָלאָג,
און ווערט אויך סאָציאַל געשטעלט...!

דאָס בילד געאָרג וואַשינגטאָן

אַ פריהייט — גלייכהייט — ברודערליכקייט —
און אויך אַ מענשליכע וועלט,
מיט צערטליכקייט און גוטע אידעע
איז דאָך דער טהורם פעסט געשטעלט.

און ליעבע, לעבען, שעהנהייט, פריידען,
מיט האַרמאָנישען געזאַנג,
אַ טאַנץ פון גליק און וועלטען לעבען
מיט יובעל און האַרפען קלאַנג.

און קלאָרער ווערט דער ציעל פון לעבען
לויטער ווערט דער מענשען גייסט,
די שיף גייט פאָרווערטס מייעסטעטיש,
מיט שיף׳ס קאַפּיטאַן וואָס ווייסט...!

דאָס בילד נבוכדנצר

האַ — דער קעניג איבער קעניגע —
זיכער ווייסט די וועלט פון מיר,
אין יעדען ווינקעל און איבעראַל
זיעגרייך אין אַ יעדען ריהר.

און עס מעהרען זיך לאַנד געביעטען,
נייע שקלאַפען, נייער שטאַם,
הע —! טרייע לייט — כ׳בין גרייט צי שפּאַציר
דורך עפּהראַט אין שיף „ארק פלאַם״.

דאָס בילד באַקונין

מיין ריעזען האַנד שטייגט אין קראַפט מוסקול —
איך אַטהעם די געזונדע לופט,
און פריידענס לוסט זינגט אין מיין נאַטור,
דאָס לעבען רופט... ס׳לעבען רופט...

איך קען קיין שקלאַפען וועלט נישט ליידען —
ניין — ניין — אַ פינסטערע נאַכט,
כ׳האָב גענוג ליעבע פאַר די מענשען —
נידער טיראַנישע מאַכט...!

דאָס בילד קאַרל מאַרקס

זעהר פיעל בעזאָרגט אין ליידען זענען
וועלט פאַטער און מוטער ערד,
זיי ווילען דאָס גוטע דערקענען
אין אַ לעבען וואָס בעגערט, —

קיין פיין, קיין אונגליק, קיין ווירוואַר,
צערטליכקייט און גלייכע וועלט
קיין ליידענס מענש, און קיין פּראָלעטאַר —
ריכטיג פינאַנציעל געשטעלט...!

דאָס בילד דאַנטע

כ׳טראָג צוויי בענקשאַפטען אין מיין זעעלע
בעאַטריץ — און דאָס וועלט בילד. —
ליעבסטע בעאַטריץ! איך בין פייער,
געטליכעס פייער און ווילד —

פאַרבענקט נאָך דיין עדעל שענהייט
און וואונדערליכע געשטאַלט,
און מוזיק איז מיר דיין בעוועגונג
ווי דער סוד פון שעהנעם וואַלד.

באַשטרעב איך דאָס מיט דיר צו ווירקען
אין ליעבע און פאַר די וועלט,
שטייגען מיר אויף אַלס גייסטער העלדען
צום נייעם לעבען געשטעלט.

געטליכע ליעבע, נייעם לעבען,
גליק און פרייד, און צאַרט געזאַנג,
עס זינגט אויך מיט די וועלט און נאַטור,
און פון ווייט דער עכאָ קלאַנג...!

דאָס בילד סאַלאָמעאָ

פאַר דיין געשטאַלט ליעבער יוחנן!
טאַנץ איך מיין בעוועגונגס טאַנץ,
און יונג בין איך ווי שעהנער פריהלינג
מיין קאָפּף קרוינט אַ בלומען קראַנץ.

איך קוש דיין קאָפּף און שעהנע אויגען
אויף גאָלד און זייד — ווייכען גרונד,
און דערגרייך מיר דיין סוד פון לעבען
אין אַ גרויסען ליעבעס בונד...

שטורמישער — זעעלע — ווילד און ווילדער —
כ׳וואַרף מיין לעצטען שלייער שוין,
מיין נאַקט-לייב פריהלינג איז דופּט בלומען, —
און לעבען מוז זיין מיין לוין...!

ס׳הויבען זיך מיינע שעהנע פיס זיילען
און עס זינגט מיין הערץ און ברוסט,
עראָטישען ציטער און בעגער
פון אַ געשלעכטליכער לוסט...

און מיין קאָפּף און פּערעל-האַלז געשטרעקט
צום הימעל גלייך ווי צו גאָט —
בעטענדיג פאַר לעבענס לוסט בעגער
וואָס באַגרייפט נישט קיין פאַרבאָט.

איך טאַנץ דעם לעצטען צוג אַ לעבען!
ריטמיש מיט פיזישען גרונד,
מוזיק און בליה געשלעכט בעוועגונג
פייערליכער ליעבעס בונד...!

דאָס בילד הענריך היינע

אַ ליעבעס בעגער! בענקשאַפט, ליידען,
אויסגעצערט פון ליעבעס לוסט —
איז מיין צאַרטע מענשליכע נאַטור
גייסט און זעעלע הערץ און ברוסט.

אַ טראַגיש נישט דערגרייכטע ליעבע
מאַכט מיין לעבען ליידען לאַנג,
אונפאַרגעסליך אין אַלע צייטען
פון שטורם ליעבע — ליעבעס באַנג...

אַ שעהנע הערליכע סאַלאמע!
כ'האָב דיך דערגרייכט אין געהער,
דיין טהאַט מאַכט מיך שרעקליך אויפגערעגט
ווילד אונמענשליכעס בעגער.

דאָך כ'ווייס נישט וואָס מיט דיר צו ווירקען
כ'מוז דאָס דורך דענקען אין רוה,
איך וואָלט מיט דיר דערווייל צו פאָהרען,
נאָך ווערסייל, און פאָנטען-בלאָ...!

דאָס בילד די חוה שלאַנג

איך בין די חוה שלאַנג! שוין צייטען —
טויזענטער יאָהרען בעקאַנט,
עס האָט זיך חוה נישט געשראָקען
פאַר מיין טרייע צאַרטע האַנד. —

פון וויסענס בוים די פרוכט צו עסען,
די פרוכט איז גוט, גאָר נישט שלעכט,
האָלט מיין פריינדין דעם שעהנעם עפּעל
אָדער בלייבסט אַ גלויבענס קנעכט?

געפּאָלגט האָט מיך די שעהנע עווא
נעמט דעם עפּעל פון מיין האַנד,
און טאַנצט פאַר פרייד אַ שעהנעם וואַלצער
מיט מיר צוזאַמען ביינאַנד.

אויך זעלבסט איך בין אין פרייד געוועזען
האַ-האַ-האַ-האַ-האַ-האַ-האַ
האָט עווא דערהערט מיין פריידיגקייט
טראַלאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ. —

פאַרביי איז שוין טויזענטער יאָהרען,
יאָ שווערע צייטען פאַרביי —
יעצט האָב איך אַ פרוכט פון אַ גאָרטען
וואָס איז גוט און אויך גאָר ניי...

א פרוכט פון דעם „גאָרטען פּאָעזיע"
איין עפּעל פון הימעל בלאָ —
און יעצט רוף איך דיך — נייע עווא!
עווא! דער עפּעל איז דאָ...

א עווא! וואונדער שעהנע עווא!
ס'ציטערט דער עפּעל האַנד,
אָ קום די הויכע שלאַנקע צאַרטע —
מיר געהען אויך אַ וואַלץ ביינאַנד.

כ'האָב דיר אויך אַ סוד צו בעגעבען
פון איין אדם — דיכטער מענש —
ווען זאָלסט געפינען אין לעבען
אזוי קרוין איך אייך און בענש, —

מיט לעבען, ליעבע, גליק און פריעדען,
פרייד איך מיך — האַ־האַ־האַ־האַ —
און טאַנץ מיט אייך דעם גרויסען וואַלצער
טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ...!

דאָס בילד ניגאָן דע לענקלאָס

מיר שיינט איך הער אַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ —
אַ עווא שלאַנג! כ'הער דיין רוף,
זיכער אויך דיין אַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ —
בין איך פעסט און פייער פרוף...

בעגערט וואָלט איך צו עקזעסטירען
אויך אין דער יעצטיגער צייט,
כ'וואָלט געפעלען אַ „דיכטער מענשען"
און דערפאַר איז נישט קיין שטרייט.

אַך וואָלט איך איהם אַ וועלט מיט ליעבע —
זיין הערץ און זעעלע דערגרייכט,
געקושט זיין שעהנעם קאָפּף און שטערען
און צום אידעאַל פאַרגלייכט.

בין איך אַבער שוין לאַנגע יאָהרען
באַהאַלטען טיעף אין די ערד,
איז יעצט מיין ליעבעס טעמפּעראַמענט
פאַר קיין „דיכטער מענש" נישט ווערט...!

דאָס בילד ראַפאַעל

דער הימעל ריין אין בלויען וואונדער
ס'זינגט די נאַכטיגאַל אַ ליעד,
און די שטערען ווי הימעלס קינדער
שיינען, פינקלען, מילד און מיעד.

און לבנה שיינט ווי אַ מאַדאָנאַ —
מיט אַ צערטליכען געזיכט,
בעמערקט די שטערען קינדער שיינען
צופריעדען מיט'ן וועלט געריכט...!

מיניאַטורען

אונבעזאָרגט

שעהנע נאַכט, און שעהנער הימעל,
ברילליאַנטען שטערענדיג געציערט,
לבנה שיין אין ים געשפּיעגעלט
מיט שאָטענס פיעל דעם ברעג באַריהרט.
הויכע בערגער, טיעפע טהאָלען,
ריעזען בוימער, ווילדע גרויסקייט,
בלומען שעהנע, פּערפום דופטען,
פון דער נאָהנטקייט, און פון ווייטקייט.
און די בערגער וואַרפען בליקען —
אויף ווייטע ווייטקייט רונד אַרום,
ס'שלאָפען רוהיג אַלע טהאָלען
און אויך די וועלדער זענען שטום...!

איך ליעב דיך

איך ליעב דיך אַ ליעבע שענהייט!
און קני פאַר דיר און קיש דיין בליק,
דערלאַנג מיר דיין האַנד די צאַרטע
צוזאַמען זיין אין זעעלען גליק...
אייביג איז צו דיר מיין ליעבע
קרעפטיג שטאַרק ווי די וועלט אַליין,
קיינער קען זי נישט צו שטערען
איך פיהל עס הייליגליך און ריין.
דיינע שעהנע ליעבע אויגען!
זעעליש געטליך אין ליעבעס זאַפט,
וועט מיין זעעלע ניי בעלעבען
פיעל מיט בליהונג און זיסע קראַפט.

ליעבסטע

מיט צאַרטען בליק
און מוטער האַנד,
שליסט דו דאָס גליק
מיט מיר בײַנאַנד.

עס וועט דאָס זײַן
אַ לעבענס טאַנץ,
איך קיש דײַן קאָפּ
מיט פריהלינגס קראַנץ.

קאַפּריזען

אויף דײַן פּיאַנאָ שפּיעל
דײַן ליעבעס לוסט,
די בענקשאַפט איז טיעף
אין הערץ און ברוסט.
דײַן געליעבטע רוף —
זינגען אַ ליעד
רוף זי און בעט זי —
ס'ציהט דיך — עס ציהט...
רוף זי און בעט זי
מיט ליעבעס קוס,
און זי קומט צי דיר
אָן אַ פאַרדרוס,
און זי קומט צו דיר
אומאַרמט דיך שעהן,
און קישט דיר דײַן קאָפּ
האָסט זעלבסט געזעהן...!

געסט

פרייד גריסט אַ יעדען בעזונדער —
און אויך אַלעמען בענשען,
ווייל מיר זענען פריידען קינדער
און פון נשמה — מענשען.
ווייל די ליעבע איז דער הימעל
און ווי מוזיק די וועלטען,
די האַרמאָניען פון דעם לעבען
קומען אויך אין געצעלטען...

ליעבע

צוויי ווייס מאַרמור בילדער —
פון לעבען קיין שפור,
קיין הערץ און קיין זעעלע
דאָך הערט זיך אַ ריהר...
וואָס זאָל דאָס בעדייטען ?
און זעהען מיר באַלד,
שטיין מאַרמור פאַרוואַנדעלט
אין לעבענס געשטאַלט.

געגענזייטיג

נעמט דיין האַנד
מיך אַרום,
כ׳קיש דיין ברוסט. —
מיט מיין האַנד
דיך אַרום
פיעל מיט לוסט.

ס'ריהרט זיך

ס'ריהרט זיך די מעכטיגע גאָטהייט —
ווייט אויף די העכסטע בערג שפּיצען,
שיקענדיג די העלסטע שטראַהלען
שפּרעכענדיג מיט דונער בליצען.
בענשענדיג פריהלינג מיט בלומען
און אַלע מענשען און נאַטור,
ס'קומט דער מאָרגען פריידענס גליקליך
און פאַרגעהט געהילט אין פּורפּור.

האַלט זיך

האָסט פאַרהילט דיין געזיכט
מיט אַ שוואַרצען וואוּאַל ,
פון אַ טרויער בעהערשט
און ס'טרייסט דיך נישט קיין שטראַהל.
איז דיר ווער פאַרשוואונדען ?
ווי שמערצליך איז דיין וועה —
איז דיר ווער פאַרלוירען ?
און וואָס ווערט פון דיר — זעה . . . !

מאַרש

ליעבע, פריינדשאַפט, און געטריי —
די הענד דערלאַנגט צום גוטען ציעל,
שענהייט, קונסט, און וועלטען פריי —
נישט געזאָרגט, נור פריידען פיעל.
און דאָס איז דאָך דאָס לעבען
ווי עס איז געווענדט דער בליק,
און ס'מענשליכע דערשטרעבען
צו ס'לויטערע גליק מיט גליק,
דער מענש — ער בענקט דאָך אימער
נאָך דעם גוטען, שעהנעם גליק,
ער בענקט נאָך איין גן עדן
און צו דעם איז דאָך זיין בליק.
ווייל דאָס איז דאָך דאָס לעבען
ווי עס איז געווענדט דער בליק —
אין ס'מענשליכע דערשטרעבען
צו ס'לויטערע גליק מיט גליק...!

פון דער ווייט

נור דו האָסט אין מיין געדאַנק
אַזוי שעהן אויף געבליהט,
און שמערצליך איז מיין בענקשאַפט
ווי ס'שיר השירים ליעד...
און אימער מיינע אויגען
בליקען צו דיר... צו דיר...
אַ ליעבסטע! דו מיין ליעבסטע!
ווען — ווען קומסט דו צו מיר?
אַרום מיר איז דאָך פינסטער
דאָך שיינט מיר דיין געזיכט,
ווי דער שטערען אין הימעל
און ווי ס'הימלישע ליכט...!

ווידמונג צו אַ מיידעל

מיט צערטליכע פריינדשאַפט
פאַראייניגט צום טאַנץ,
שיינסט דו מיר סימפּהאַטיש
אין דיין עלעגאַנץ.
מוזיק אונזער רעגונג
אויף ליעבליך דיין בליק,
ווילסט דו מעהר נאָך טאַנצען
ציטערען אין גליק...!

אַלבום ווידמונג

אַ יונגע ברונעטין —
מיט פייערדיגע לוסט,
געוואַלטיגע ליעבע
שטורמט אימער אין איהר ברוסט.
אַ ליעבסטען געפינען
וואונש איך געוויס איהר זעהר,
שעהן צי ראָמאַנסירען
עראָטישען בעגער...!

גענוס

ווי שעהן די וועלט איז?
ווייסט דאָך זיכער — יעדער מענש — נישט פון היינט אָן —
און וואָס גענוס איז?
ווייסט דאָך אויך אַ נאַר — וואָס האָט קיין היים און פאָהן...
קומט אַ געדאַנק גלייך —
די אידעע פון לעבען איז פּאַראַדיזיש,
און דער מענש — געוויס,
דאַרף לעבען, ליעבען, גייסטיג שעהן — און פיזיש...!

אין קאַבאַרעט

די אויגען פינקלען פייערדיג —
די ברוסט בעוועגט זיך מחיה׳דיג,
און עס פיהלט זיך זעהר יום טוב׳דיג
נאָך מעהר, נאָך מעהר, ווי פורים׳דיג.

ער דריקט זי, קושט זי צוקערדיג —
זי דריקט אים, קישט איהם, האָניגדיג,
און די וועלט איז דאָך גן עדן׳דיג,
און זייט שוין מיר ווי פורים׳דיג...

נאָך מעהר — נאָך מעהר — ווי פורים׳דיג,
נאָך מעהר — נאָך מעהר — ווי פורים׳דיג...

לוסט

אַ יוגענד! יוגענד!
ליעבע און פרייד,
נישט דאָ קיין זאָרגען
אין אונזער צייט,
די צייט פון לעבען
און פון גענוס
די גוטע שטימונג
און קיין פאַרדרוס
דאָס גוטע געזעל
מיט גוטען וויין
וואָס קען נאָך בעסער —
נאָך בעסער זיין?

* * *

דאָס שעהנע מיידעל —
יאָ וואַרט אויף אייך,
און דו יונגערמאַן!
דערקען זי גלייך,
אויף איהר שעהן קעפּעל
אַ בלומען קראַנץ,
און נעמט אייך אַרום
צום טאַנץ, צום טאַנץ,
דער טאַנץ פון ליעבע
מוזיק און קלאַנג,
דאָס ליעד פון ליעדער
וויין — ווייב — געזאַנג...!

דער באָהעם

איך געה און קום, און כ'קום און געה,
ווי איהר פאַרשטייט, און איך פאַרשטעה.
עס איז אַ טאַנץ פון אַ געה און געה
אין אַ דריי רעסטאָראַן קאַפע.

קאָסמאָפּאָליטאַן, אָריענטאַל,
דאָס דריטע הייסט גאָר נור „קאַפע",
דאָ טאַנץ איך מיר אַ דריילינג טאַנץ
ווי איהר פאַרשטעהט און איך פאַרשטעה.

און ווען ס'בעגעגענט מיך אַ פריינד
און פרעגט מיך ליעבסטער מענש! ווי גייט'ס?
דאָ זאָג איך איהם נישט זאָרג מיין פריינד,
איך בין דאָך אין יונייטעד סטייטס.

און ווער איך איין מאָל צאָרנינג בייז
אין מיין בעוועגען זיך אין קרייז,
ווען איין קאָמעט מאַכט מיר אַ שפּרייז
און טרעט מיין הינ-אויג אָן מיט פליים? —

דאָ שפּרינג איך אויף זעהר צאָרנינג הייס
קאָמעט! קאָמעט! ביסט מיר נישט פיין,
איך וויל דו זאָלסט מיר עדעל זיין
צום טראָטץ אויך דאָס וואָס ביסט מיר קליין.

צום פריהלינג

איך גרוס דיך, גרויסער, שעהנער פריהלינג!
ביסט דאָך אימער גוט דאָס גליק צי שפּינען,
וואוינסט דאָך אויך אויף נויאָרקס פינפטע עוועניו
ביי די אַמעריקאַ גאַלאַנטינען.
און איז דאָס פּיליכט צו פריי געשפּראָכען?
אַזוי שפּרעך איז דאָס צוריק... ס'איז נישט צו שפּעט...
דו לאַכסט? געסטערען בין איך איין בודהאַ —
היינט גרעק — און מאָרגען ביבלישער פּראָפהעט?
זאָג איך דיר, אַז ס'האָט אויך „קעניג שלמה"
איינגערוימט די שעהנע פרויען זעעלען,
אַ מאָל אַ וואָרט פון מענשליכען געמיט
טראָטץ דעם וואָס זיי האָבענס נישט, פּאַרהעלען...
ס'איז שעהן די חכמה מלך שלמה'ס!
איך דודס געזאַנג און האַרפעןווימלען,
עס קומט די וועלט און דאָס ליעד פון ליעבע
פון די וואונדערליכסטע שעהנסטע הימלען...!

פון אַלט — יונג

פון גראַנאַדאַ ביז סעוויליאַ,
און פון וואַלענציאַ ביז קאַדיז —
דאָרט זאָלען אויך די מענשען וויסען
אַך וואָס פאַר אַ קראַפט עס האָט אַ דריז...

אַ פון טאָלעדאָ ביז מאַלאַגאַ,
פון באַרצעלאָנאַ און אויך מאַדריד!
אַזוי קען איך אייך אַלע זאָגען
אַ מענשען! אַז אַ דריז איז גאָר גוט...

געבוירען בין איך אין קאָרדאָווא
איך קאַרמענסיטאַ באָספּאַרינאָ!
כ׳בין אַלט געוואָרען יאָהרען אַכציג
און יעצט אַ יונגע סינאָרינאַ...!

מאָדערנע

דער מענש באַקומט דאָך פליִעגעל גלייך
און ווערט אַן עראָפּלאַן,
און דאָס האָט האָט נור אַ „דריז” אין אייך
געמאַכט אַ יונגען מאַן.

די פרוי האָט אויך דעם „דריזען גליק
באַקומט די יוגענד באַלד,
און גיב איהר נור אַ וואונקען בליק
זי לויפט שוין צו צום וואַלד...

דער מאַן איז נישט קיין עלעפאַנט —
און לויפט מיט שנעלע טריט,
דערכאַפּט זי פעסט אַריין אין האַנד
און מאַכט זיך מיט איהר קוויט...

דער רבי זעהט פאַרשעמט זיך צו —
און מאַכט אַן אַך — און איי —
זיי דאַרפען מיך שוין מעהר נישט דאָ,
דעם דין בעגרייפען זיי.

דער עפּעל פון האָפנונג

מיר קומען אַזש פון אַפריקאַ,
פון אַפריקאַ צו פּאַרעז,
מיר ווען איך יונגער מאַכען
נעמען אייך די יאָהרען.

זייט שוין גליקליך ליעבע מענשען!
נעמט אייך צו דעם דריזים,
און גיבט אונז דאָך פּראָספּעריטי —
אָבער נישט קיין קריזים.

נעמט אייך יעדער צו אַן עפּעל —
פון דעם בוים ניער דריזים,
זאָלט איהר מעהר נישט זיין די שקלאַפען
ליידען אַלטקייטס קריזים...

יוגענד ווייסט דאָך נישט פון זאָרגען
נור פון גליק מיט פריידען,
זאָלט איהר אַלע מענשען וויסען
פון אַ יונג גן עדן...

אַ געַנוס איז דאָך דאָס לעבען —
ליעבע אַ בעגליקונג,
ס'איז טאַקע אַ פערגעניגען —
און אויך אַ דערקוויקונג....!

ווער עס ווייסט ?

ווער עס ווייסט פון יונגע ליעבע ?
ווייסט אויך פון יונגע פרייד,
און עס איז אַ לוסט צו לעבען
ווייל יום טוב איז די צייט.
יעדען טאָג אַ נייע בענקשאַפט,
און יעדען טאָג אַ טרוים,
אין דעם גאָרטען פון די ליעבע
בעגריסט אייך יעדער בוים
און נישט קיין זאָרגען און טראַכטען,
לעבעדיג אַלטע לייט
אויב איהר קריגט צוריק די יוגענד ?
דערגרייכט איהר אויך די פרייד...!

אדם און חוה

(דיאַלאָג)

חוה

ווי גוט עס איז צו זיין אַ מיליאָנער,
און אַוועק צופאָהרען אַזש נאָך שאַנכיי —
אַז קיינער זאָל נישט וויסען ווער איז ווער
לעבען — הוליען — ביז אַלעס איז פאַרביי.

אדם

יאָ ווייל די יאָהרען לויפען שנעל אַוועק,
און קיין אייביגקייט, און קיין גן עדן,
ווען אונזער וואַנדערשאַפט דערגרייכען אַ ברעג —
און דאָרט פיליכט געפינען גליק מיט פריידען...

חוה

ס׳איז פיעל געליבטער אדם! שוין מיין טרוים,
מיט לוסט, פריינדשאַפט, און פיעל באַגערען,
און צייט איך האָב פאַרזוכט פון „וויסענס בוים"
קען איך רוהיג מעהר נישט דענקען — קלעהרען...

אדם

אַ פיעל געליעבטע! ס׳איז אויך גרוים מיין לייד,
און ס׳איז דאָך די וועלט נאָך פיעל מיט בוימער,
וועסט ווען פאַרזוכען אַן עפּעל אין צייט
און דיך פיהלען זיעגרייך ווי די רוימער...

חוה

אַ מיין ליעבסטער אדם! דו גיבסט מיר טרייסט,
איך ווער בעוועלטיגט פון נייע קרעפטען,
ווייל מעכטיג ווירקט אויף מיר דיין גרויסער גייסט —
וועט אויך זיך זעעלע מיט גייסט בעהעפטען.

אדם

און יעצט אַ געליעבטע! גיב מיר דיין האַנד
קום מיט מיר אין ווייטע וועלטען נייע,
איבער ים און געבירג, אין ווייטעס לאַנד
פון דענקער מענשען, און מענשען פרייע.

צום וואויל זיין

לוסטיגקייט און פריילעכקייט
ליעבע גוטע פריינד,
אוועק איז שוין דער נעכטען
ס'פאנגט זיך אן דער היינט.

מיט לויטערע געדאנקען
לעבעדיגען בליק,
זאלט איהר זיך דערנעהנטעריין
צו דערגרייכטען גליק.

נאטורס פריידען מוטערליך
צערטעלט אזוי צארט,
די וועלט די לעבעדיגע
פערגעניגען גארט.

זאלט איהר נישט פארהונגערען
לעבענס — לעבענס צייט,
פאר ליעבע, גליק און שענהייט
פון נאהנט און פון ווייט...!

דאָס געזאַנג פון אַ טיעפע נאַכט

(פראַגמענט פון צווייטען אַקט
„ווענולאַראַ".)

דער ספינקס:
דערגרייכט האָט שוין די טיעף-נאַכט שטונדע
און מיט פינסטערניש איז אַלץ געהילט,
עס שלאָפט דער מענש אין טרוימען רוהיג —
זיין זעעלע וואַכט — זיין זעעלע וואָס פיהלט...

דאָס עכאָ:
דערגרייכט האָט שוין די טיעף-נאַכט שטונדע
האַלב פינסטער איז דער זילבערנער בליק,
און גאָר הערליך קרייזלען די שאָטענס —
די בוימער אַרום מיט שטילען גליק...

דער ספינקס:
רוהט די ערד אין אַ טיעפעם שווייגען?
עס רוהט קיין שלאָף אין דיין מוטער שויס,
האָסט דו אַ ערד-גייסט פיעל צו רעדען?
אַזוי קום שוין דו ערד-גייסט אַרויס...!

דאָס עכאָ:
רוהט די ערד אין אַ טיעפעם שווייגען
אַ מוטער ליעבסטע! רעד אויס איין וואָרט,
און שיינסט דו בייז מיר אָדער צערטליך?
גרוס מיך מוטרהאַפט אויף יעדען אָרט...

דער ערד גייסט (שפּרינגט אַרויס פון אונטער דער ערד)

איך האָב זעהר פיעלעס נישט צו רעדען
דאָך פיעלעס זאָגט דער שטימער נישט גערעדט,
און וואָס עס בלייבט נאָך טיעף פאַרבאָרגען
קען דאָך ווערען פיעל-ווייניג ענדעקט.

דאָס עכאָ:

איך האָב זעהר פילעס נישט צו רעדען
דאָך טראָגסט דו ווינד אויך מיין האַלבע שפּראַך,
און איבער וויטע בערג און טהאָלען
ווערט קלאָהר פאַרשטענדליך פון זאַך צו זאַך...

דער ערד גייסט

ס'אייניגט זיך שטאָף און גייסט און שיידען —
זעהר פרעמדליך טראַגיש אין יעדע צייט,
און ס'בלייבט פאַר מיר אייביגקייט — „רעטזעל"
די געטליכע זעעלע — גאָר צו ווייט...

דאָס עכאָ:

ס'אייניגט זיך שטאָף און גייסט און שיידען
אין בעוועגונג געהט די וואַנדלונג ביי —
איך זעה אַרום מיר אַלע וועלטען
און איך וויים נישט צו איך בין מיט זיי?

דער ספינקס:

רוף מיר אַרויס פאַרגאַנגענהייטען —
אוים די קברים און ביי-גייסטיג זיי,
דעם מענש געשלעכט נור זאָלסט דו רופען
נור שנעל אין צייט — ווייל ס'איז גלייך פאַרביי!

דאָס עכאָ:

רוף מיר אַרויס פאַרגאַנגענהייטען —
זיי הערען שוין נישט מיין „עכאָ קלאַנג",
דאָס ליעד פון זיי וועל איך בעגרייפען
אָן אייביגעם ליעד — „עס איז מיר באַנג".

דער ערד גייסט

ערשיינט אַ גייסטער פון די קברים —
אויס מוטער שוים פון אייביגער רוה,
און אַ לעבען זאָל אייך קרעפטיגען —
מיט אַ שפּראַך בעוועלטיגט קומען דאָ...

דאָס עכאָ:

ערשיינט אַ גייסטער פון די קברים —
אַ ווידער-בעלעבען רופט אייך איין,
קומט איהר אַלע אין קרייז געזאַמעלט
נור נישט אין טרויער — לויטער געוויין...

די גייסטער (שפּרינגען אַרויס פון אונטער די ערד)

מיר קומען פון דיר אויסגערופען —
אַהער צו אין אַ לעבעדיגען שטאַנד,
און ס'קלעמט אונז דאָס טרויעריגע שיקזאַל —
ווי עס דרוקט אונז דיין ערדישע האַנד...

און ס'לעכצט די בענקשאַפט נאָך די זעעלע —
וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ — אַ לאַנג שוין...
אַ לוסט איז „יוגענט טרוים" צו האַלזען —
וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ — אַ לאַנג שוין...

ס׳אויג באַגערט אין די נאַכט צו זעהען
שטראַהלען פון טאָג און העלישע זין,
קומט אין אַ געדענקען דער פריהלינג
דאָך ווייט — צו ווייט — פאַר ווידער געווין...

פרויען גייסטער:
און ס׳לעכצט נאָך די זעעלע די בענקשאַפט —
וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ — אַ לאַנג שוין,
אַ לוסט איז „יוגענד טרוים" צו האַלזען
וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ — אַ לאַנג שוין...

דער כאָר פון אַלע:
ס׳איז די געטליכקייט נישט צו גרייפען
און די נאַטור איז זעהר שטים און קאַלט,
ווי מיר וואַנדען — און ווי מיר קומען
וואַנדעלט אַ סקעלעט — אַ שרעק געשטאַלט...

מענער גייסטער:
און ס׳לעכצט די בענקשאַפט נאָך די זעעלע —
אַ לאַנג שוין — וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ...
באַגער איז „יוגענד טרוים", צו האַלזען —
אַ לאַנג שוין — וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ...!

װענולאַראַ:

אַ נאַטור! דו שרעקסט מיך יעצט מיט גייסטער?
אויס אַ טרוימען שלאָף בין איך ערװאַכט,
איך פיהל מיך מעכטיג, נישט דערשראָקען —
זאָגאַר אין דיין פאַנטאַסטישע נאַכט.

ס'װעט מיך נישט דיין פינסטערניש בלענדען
איז מיר זעלבסט באַװאוסט מיין גרויסע מאַכט,
און דיינע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען
פאַרשװאונדען מיט דיר צו גלייך — אַ נאַכט...!

נור רעדען װאָלט איך דאָך אין װערטער
װאָס מיין זעעלע באַגערט אין געדאַנק,
בין איך נישט אין העכערע שטימונג
און איך קען נור זאָגען — ס'איז מיר באַנג...

רוהט מיין גייסט אין הייליגע װעלדער
און שטרעבט צו דעם הימעל טאָג און נאַכט,
בלומען באַקראַנצט איז מיין קאָפּף ארום —
האַלז און ברוסט מיט פערעל װייסע פראַכט.

אויך אין די טהאָלען, אויף די בערגער,
דאָרט לעב איך אויך מיט געזאַנג און װאָרט —
װי ס'האַרמאָנירען אַלע דופטען
און בלום מיט בלום אויף אַ יעדען אָרט.

און צו מאָרגענס באַגינט געװימעל
פון אַ גרויסען כאָר אין יעדען טהאָל,
עס זשומען מיט די שמעטערלינגען
און פויגעל־שפּראַך, געזאַנג, מיט אַ מאָל.

דער ספינקס:

נישט דאָס באַגער איך דאָך צו וויסען
וואָס איז לאַנגע צייטען מיר באַוואוסט,
באַגרייף איך מעהר אין שטימע רעגונג
די הערליכע קלאַנגען פון דיין ברוסט.

וועניולאַראַ:

אָ ווילסט דו מיך דאָס באַוועלטיגען?
מיט רעטזועל-זין און פינסטערע מאַכט,
ניין! — דאָס וועסט דו קיין מאָל ניט קענען —
מיין גייסט איז מיט מיר, אין טאָג און נאַכט.

דער ספינקס:

ניט קיין מאָל רוהט מיין טיעפעס פאָרשען —
צו דעם עמפפינדען פון איינס און אַל,
און ס'שטייגט וואָס מער מיין וויסענס לעכצען
ס'שטילט ניט מיין דורשט דער ריעזיגסטער קוואל...

און קום איך אייגען פאַר דעם שפּיעגעל
בליקט נאָך מיין ווידער בילד גאָר באַפרעמדט,
און וואָס עס קלאָהרט מיר אין מיין וויסען —
איז נאָך פאַרבאָרגען אין זיך געקלעמט.

און כ'זעה דאָס לאַנד מיט זיינע טעמפלען
מאַרמאָר פּאַלאַצען אין גאָלדענעם שיין,
ס'שימערין די בלאַנקע קופּאָלען
עס טריאומפירט דאָס לעבענדע זיין...

ס׳איז נור די אויסערליכע טענער —
די שטראַהלען פון די גרויסע וועלטען זין.
ס׳וואַנדעלט דער טאָג אין אַ פינסטערניש
און קומט ווידער אין זעלבען געווין...

דאָס עכאָ:
ס׳איז נור די אויסערליכע טענער —
דאָס טיעף באַגערטע בלייבט העכסטע לוסט,
און נישט פאַרשטענדליך, נישט דערגרונדליך,
באַוועגט זיך דאָס הערץ אין וועלטען ברוסט...

דער ספינקס:
נון יעצט אַ „ערד גייסט” קענסט פאַרשווינדען
צוריק אין דיין הייל און אייגענעם שטאַם,
פון ווי דו ביסט צו מיר געקומען
ווי אוים דעם גרונד פון אַ טיעפען ים.

דער „ערד גייסט”:
דאָך יאָ פאַרשוואונדען וועל איך זיכער
צוריק אין אייגענעם געוועזענעם אָרט
און אויך געווים פאַר דיר דערשיינען
ווען ס׳רופט נאָך מיר דיין באַגערונגם וואָרט...!